ב"ה

# אין ליכט פון תורה

חומש

# בית יהודה

פרשת

# האזינו

בלשון הקודש ואידיש

**423**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

## אונקלוס

בשמא דיי אנא מצלי הבו רבותא קדם אלהנא: ד תקיפא דשלמין עובדוהי ארי כל ארחתה דינא אלהא מהימנא דמן קדמוהי עולא לא נפק דמן קדם זכי וקשיט:

ת"א הצור תמים קמה ג ע"ז ית עקידה [illegible]: אל אמונה תענית יא:

אקרא הבו גדל לאלהינו: ד הצור תמים פעלו כי כל־דרכיו משפט אל אמונה ואין עול צדיק וישר:

### בעל הטורים

עמב כי שם ה' אקרא. מכאן שמברכין על כל מין ומין כדאיתא בברכות: כי שם ה' אקרא (ד) הצור תמים. לומר שמברכין ברוך דיין האמת: צדיק וישר הוא. שתיב לו נו' יפה לכתני:

### רשב"ם

שנטל לכם וגם שהוא צדיק במה שיעשה לכם גם אתם הבו גודל לאלהינו היו מודים על האמת: (ד) הצור תמים פעלו. שירה זו לעד היא. לפיכך מדברה השירה אחר שיבא לישראל פורעניות חמאתם. הצור תמים פעלו. בכל פורענות שהביא עליכם צדיק

### רש"י

י כמו (ויקרא כג) כי תבאו אל הארץ כשאקרא ואזכיר שם ה' אתם הבו גודל לאלהינו וברכו שמו מכאן אמרו שעונין ברוך שם כבוד מלכותו ב אחר ברכה שבמקדש (תענית טז): (ד) הצור תמים פעלו. אע"פ שהוא חזק ל כשמביא פורענות על עוברי רצונו לא בשטף הוא מביא כי אם בדין כי תמים פעלו: אל אמונה. לשלם לצדיקים צדקתם לעולם הבא ם ואע"פ שמאחר את תגמולם סופו לאמן את דבריו: ואין עול. אף לרשעים משלם שכר צדקתם ב בעולם הזה:

### בית יהודא

כאשר) דר ווארט כי איז דערטייטש באשר „ווען" (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (כי תבואו אל הארץ) ווען איר וועט קומען צו די לאנד, משה הט געזאגט צו די יודין (כשאקרא ואזכיר שם ה') ווען איך וועל רופען אונ דערמאנען דעם נאמען פון הקב"ה (אתם הבו גדל לאלהינו) זאלט איר געבן אגרויסקייט צו הקב"ה (וברכו שמו) איר זאלט לויבען זיין נאמן (מכאן אמרו) פון דאנן האבן די רבנן געזאגט (שעונין ברוך שם כבוד מלכותו אחר ברכה שבמקדש) ווען דר בית המקדש איז געווען נאך יעדר ברכה וואס מען הט געזאגט אין בית המקדש, הט מען געענפערט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד ועיין ש"חו: (ד) והצור תמים פעלו. משה רבינו האט געזאגט (אף על פי שהוא חזק) אפילו הקב"ה איז שטארק אונ איין רגע קען ער מאכן אפארלענדונג פון דיא גאנצע וועלט, פון דעסטוועגן (כשמביא פורענות על עוברי רצונו) ווען ער ברייננט אשטראף אוף די מענטשן וואס טוהען אנדערש ווי זיין ווילן וואס זענען רשעים) (לא בשטף הוא מביא) ברייננט ער ניט דיא שטראף מיט אפארפלייצונג מיט אפארלענדונג) (כי אם בדין) נאר וויא דער דין איז צו שטראפען פר יעדער עבירה (כי תמים פעלו) ווארום אלץ וואס הקב"ה טוט איז מיט גאנצקייט, ניט מיט פארלענדונג: ואל אמונהו. ער איז אגאט וואס ער איז בעגלויבט (לשלם לצדיקים צדקתם לעולם הבא) ער וועט בצאלן צו צדיקים פאר זייער פרומקייט צו עולם הבא ואף על פי שמאחר את תגמולם) אפילו ער שפעטיגט זייער בצאלונג, ער צאלט ניט באלד (סופו לאמן את דבריו) דער סוף איז ער מאכט אמת זיינע רייד אונ בצאלט צו דיא צדיקים אגוטן שכר צו עולם הבא: ואין עולו. ער טוט קיין אומרעכט (אף לרשעים משלם שכר צדקתם בעולם הזה) אפילו צו רשעים בצאלט הקב"ה שכר פאר זייערע מצות, נאר

### דעת זקנים מבעלי התוספות

אני נקראתי בלשון שמיעה ואין עדותן מכוונת בא ישעיה והחליף הדברים נמצאו שניהם בלשון האזנה ושניהם בלשון שמיעה ואמר רב הונא בשם רב אתא מדברי שניהם נלמור שעליונים מרובים מן התחתונים שהרי משה אמר לשמים האזינו בלשון רבים ולארץ ותשמע בלשון יחיד וכן ישעיה אמר לשמים שמעו ולארץ והאזיני לשון יחיד. ושמא לכך נקראו העליונים שמים בלשון רבים והתחתונים ארץ בלשון יחיד: (ד) הצור תמים פעלו. דין הוא שתתנו לו גודל כי הוא צור ותקיף ועושה פעולתו בתמימות ואינו מראה כעס למכעיסים לפניו: צדיק וישר הוא. לעושי רצונו ואינו מקפח שכרם. ולפי שהיה רוצה לספר היאך נוקם נקמה מישראל כשמכעיסין לפניו ואחר כך מן האומות המשעבדים בהן לפיכך

### שפתי חכמים

קרוי עשב וע' בפרשת בראשית: י דא"א לפרש שהוא נתינת טעם אסלמעלה: ב וא"ת דלמא עניית אמן. ותי' מגליה לפרש במקדש דלמא במדינה כמי. וי"ל הואיל דכתיב הבו גודל ואמן לאו גדולה היא אלא האמנת דברי המברך וכתיב נמי כי שם ה' אקרא משמע שם של ד' באותיותיו ואסור להזכיר השם של ד' בגבולין כי אם במקדש היו מזכירים השם באותיותיו: ל דק"ל למה קרא מרע"ה להקב"ה צור והו מאי תמים דהזכיר הכא וכי ס"ד שפעולתו של הקב"ה אינה תמימה ל"פ אע"פ כו': ם דק"ל למה אמר הלי של אמונה ומפרש דקאי אמתן שכרן של צדיקים שהוא לזמן ארוך כעה"ב לכן שייך ביה ל' אמונה: נ ר"ל דפסוק זה כפל ל' הוא מדכתיב אל אמונה ודאי אין עושה עול אלא אף לרשעים דה"א דלא משלם להם שכרן אלא מנכה להם מטב נגד עבירה ועל העבירות הנותרות הוא מעניש אותן קמ"ל דאין מנכה

### ליקוטי יקרים

אוף די וועלט. אלץ וואס הקב"ה טוהט, טוהען דיא צדיקים אוך, הקב"ה איז גוזר אויף עקרות זיי זאלען גיבארין קינדר, דער נביא אלישע האט אוך גוזר גיווען אף די שונמית זיא זאל גיבארין אקינד, הקב"ה מאכט לעבעדיג טויטע, די צווייא נביאים אליהו אונ אלישע האבן אוך לעבעדיג גימאכט צווייא טויטע קינדר, הקב"ה האט גישפאלטען דעם ים, אליהו אונ אלישע האבן אוך גישפאלטען דעם ירדן, הקב"ה היילט קראנקע מיט זיין ווארט אן מעדיצין, דר נביא אלישע הט איך גיהיילט צוא נעמן אן מעדיצין אונ אן אפלאסטער, הקב"ה האט זיס געמאכט די ביטערע וואסער, דער נביא אלישע האט אוך זיס געמאכט ביטערע וואסר, נאך פיל ענינים דערציילט דר מדרש, וואס צדיקים האבין געטאן נסים אונ וואונדר אוף דר וועלט, צו ווייזין ווי ליב הקב"ה האט די צדיקים, אזוי ווי אפאטר וואס האט ליב זיין איינציג קינד אונ ער טוהט וואס דר קינד וויל,

### פירוש להורת אלהים

איין אכפערקייט צו גאט אונ לויבט זיין נאמן [ע' רש"י]: (ד) הצור דר שטארקר אפילו גאט איז שטארק אז ער ברייננט איין פורעניות אוף די וואס זענען עובר זיין רצון טוט ער נאר מיט גרעכטיקייט ווארום תמים פעלו זיין ווערק זענען גאנץ אונ רעכט פארטיג כי ווארום אלע זיינע וועגין איז משפט אל אמונה ער איז אווארהאפטיגר גאט אפילו ער צאלט ניט דעם שכר פון צדיקים תיכף אוף דר וועלט אבר דר סוף וועט זיין ער וועט מאכן אמת זיינע רייד אונ וועט זייא בצאלן זייער שכר לעולם הבא ואין עול אונ פאר אים איז קיין אום רעכט ניטא אפילו די רשעים אוב זיי האבן עפים גטאן גוטע מעשים בצאלט ער זייא זייער שכר אוף דער וועלט צדיק גרעכט אוף וועמען ער ברייננט פורעניות זענען אלע

שְׁנ֖וֹת דֹּר־וָד֑וֹר שְׁאַ֤ל אָבִ֙יךָ֙ וְיַגֵּ֔דְךָ זְקֵנֶ֖יךָ וְיֹ֥אמְרוּ לָֽךְ׃ ח בְּהַנְחֵ֤ל עֶלְיוֹן֙ גּוֹיִ֔ם בְּהַפְרִיד֖וֹ בְּנֵ֣י אָדָ֑ם יַצֵּב֙ גְּבֻלֹ֣ת

דְּמִן עָלְמָא אִסְתַּכַּל בִּשְׁנֵי דָּר וְדָר שְׁאַל אֲבוּךְ וִיחַוֵּי לָךְ סָבָיךְ וְיֵימְרוּן לָךְ׃ ח בְּאַחְסָנָא עִלָּאָה עַמְמַיָּא בְּפָרָשׁוּתֵהּ בְּנֵי אֱנָשָׁא קַיֵּים תְּחוּמֵי

תו"א שאל אביך סוכה כב: ילב גבלות חגיגה יב:

## רשב"ם

(ח) בהנחל עליון גוים. שנתן להם נחלות: בהפרידו בני אדם. אחר מיתת נח וביםי אברהם שכתוב שם. משם נפרדו איי הגוים איש ללשונו. ושם תמצא שהציב גבולות עמים. בני כנען שנים עשר כנגד מספר בני יעקב שהיו שנים עשר. שתמצא בכנען וי"א בניו שנים עשר וכתיב שם ויהי גבול הכנעני מצידון וגו' לפי שכל אלו היו לישראל אבל בכל שאר בני נח לא פירש בהם שום גבול. ושוב מצאתי כמה פנים במדרש למספר בני ישראל כי כנען

## בעל הטורים

זקניך. הרי ג' דורות וסמיך ליה (ח) בהנחל. לומר כל שהוא ובנו ובן בנו ת"ח הרי הוא לו כנחלה שאין לו הפסק: גבלת. חסר ב' ווי"ן לומר י"ב מזלות יצב למספר בני ישראל:

## בית יהודא

מענטשן וואס האבן דערצערנט פר אים: ובינו שנות דור ודורו. איר זאלט פארשטיין די יארן פון די פריערדיגע דורות (דור אנוש שהציף עליהם מי אוקינוס) די מענטשן וואס זענען געווען אין די צייט פון אנוש וואס הקב"ה האט זיי פארפלייצט מיט די וואסער פון ים אוקינוס (ודור המבול ששטפם) אונ די מענטשן וואס די וואסער פון מבול האבן זיי פארפלייצט (דבר אחר) נאך אפשט איז אזוי האט משה געזאגט צו די יודין (לא נתתם לבבכם על שעבר) איר האט ניט געגעבן אייער הארץ צו בעטראכטן וואס איז געווען: ובינו שנות דור ודורו. פארשטייט די יארן פון די דורות וואס וועלן זיין (להכיר להבא שיש בידו להיטיב לכם) איר זאלט דערקענען אויף די צייט וואס וועט קומען אז הקב"ה קען אייך טאן גוטעס (ולהנחיל לכם ימות המשיח והעולם הבא) ער קען אייך געבן די גוטע צייט וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען אונ ער וועט אייך געבען עולם הבא: ושאל אביך. פרעג דיין פאטער (אלו הנביאים שנקראים אבות) מיינט מען פרעג די נביאים זיי ווערן גערופן אבות, פאטערס (כמו שנאמר באליהו) ווי עס שטייט ביי דעם נביא אליהו, דר נביא אלישע האט אים גערופען (אבי אבי רכב ישראל) מיין פאטער מיין פאטער דו בזט דער רייטוואגן פון דיא יודין: וזקניך. (אלו החכמים) דו זאלסט פרעגן דיינע אלטע מענטשן מיינט מען די חכמים וואס לערנען תורה: ויאמרו לך. (הראשונות) וועלן זיי דיר זאגן וואס איז געווען אין דיא ערשטע צייטן: (ח) ובהנחל עליון גוים. ווען הקב"ה האט געגעבן די וועלט צו די פעלקר (כשהנחיל הקב"ה למכעיסיו את חלק נחלתם) ווען הקב"ה האט געגעבן א חלק פון די וועלט צו די מענטשען וואס האבן אים דערצערנט (הציפן ושטפן) נייער זיי האבן אים דערצערנט האט ער זייא פארפלייצט מיט די וואסר פון מבול: ובהפרידו בני אדם. (כשהפיץ דור הפלגה) ווען הקב"ה האט פארשפרייט דיא מענטשן וואס האבן געמאכט דעם טורעם (והיה בידו להעבירם מן העולם) האט הקב"ה געקענט זיי פארטרייבן (פארלענדן) פון דר וועלט (ולא עשה כן) הקב"ה האט ניט געטאן אזוי

## רש"י

לפניו: בינו שנת דר ודר. דור אנוש שהציף עליהם מי אוקינוס ודור המבול ששטפם. ד"א לא נתתם לבבכם על מה שעבר. בינו שנות דור ודור. להכיר להבא שיש בידו להיטיב לכם ולהנחיל לכם ימות המשיח והעולם הבא: שאל אביך. אלו הנביאים שנקראים אבות כמו שנאמר באליהו (מלכים ב) אבי אבי רכב ישראל: זקניך. (קידושין לב) אלו ו החכמים: ויאמרו לך. הראשונות: (ח) בהנחל עליון גוים. כשהנחיל הקב"ה למכעיסיו את חלק נחלתן ז הציפם ושטפם: בהפרידו בני אדם. כשהפיץ דור הפלגה היה בידו להעבירם מן העולם ולא עשה כן אלא יצב

## שפתי חכמים

דלוקחין מלך ממדינה אחרת: ה ר"ל היה ראוי לכם לזכור ימות עולם וכיון דלא עשיתם לכל הפחות בינו שנות דור ודור להבא כו' והוצרך לפרש ד"א וכו' משום דלפי' ראשון קשה כפל ל' דהא כבר נאמר זכור ימות עולם וגם דור אנוש ודור המבול בכללם ל"פ ד"א ולפי ד"א לחוד נמי קשה כי אין שייך לו' לשון הבנה אדבר שאינו בעולם הזה אלא כעה"ב אשר עין לא ראתה בלתי אלהים לבדו ל"פ גם טעם ראשון: ו פי' כי מלת זקן נוטריקון זה שקנה חכמה: ז ר"ל מה היה

## ליקוטי יהודא

(ח) בהנחל עליון גוים וגו'. ווען הקב"ה האט צוטיילט די וועלט צו די פעלקר, דאס איז געווען ווען אלע מענטשען זענען געווען צוזאמען, אונ האבן געבויעט דעם טורעם, האט הקב"ה צושפרייט די מענטשן אויף דער וועלט, אונ האט געמאכט פון זיי בעזונדערע פעלקער יעדער פאלק זאל האבען איין אנדרע שפראכע אונ איין אנדער נאמען, אונ צו יעדער פאלק האט הקב"ה געגעבען אבעזונדערע שטיק לאנד, האט זייא הקב"ה צוטיילט אויף זיבעציג פעלקער, צו דעם וועלכען צאהל וואס זענען געווען דיא קינדער פון ישראל ופון יעקבו ווען זיי זענען געקומען אין מצרים אונ אויף די זיבעציג פעלקער האט הקב"ה געגעבן זיבעציג שרים, יעדר פאלק האט אבעזונדר שר, נאר יודן האבן קיין שר, אויף יודן גיוועלטיגט הקב"ה אליין, צו ווייזען יודן אליין זענען ביי הקב"ה גערעכנט ווי אלע פעלקר צוזאמען:

## דעת זקנים מבעלי התוספות

שנות דור ודור. כי קודם שהיו בעולם הייתי מתקן להם מקום בכל דור ודור כדמפרש ואזיל: (ח) בהנחל עליון גוים. שהנחיל לכל אומה ואומה נחלתה: בהפרידו בני אדם. בדור הפלגה שהפרידם והפליגם והלט איש ואיש למקומו כד"א ויפץ ה' אותם משם וגו': יצב גבולות עמים למספר בני ישראל. בירר נחלה לשנים עשר שבטים אע"פ שעדיין לא נולדו כיצד שמסר ארץ ישראל לבני כנען שהם עבדים לבני שם כדי שלא

## פירוש לתורת אלהים

האבען געזינדיגט פר אים בינו שנות דור ודור פר שטייט די יארען פון די ערשטע דורות [עיין רש"י] שאל פרעג דיין פאטער דאס זענען די נביאים ויגדך וועט ער דיר זאגן זקניך פרעג דייני זקנים די חכמים ויאמרו וועלן זיי דיר זאגען די טובות וואס גאט האט אייך גיטאהן די פריערדיגע צייטן: (ח) בהנחל עליון גוים ווען הקב"ה האט גמאכט ירשינן צו די ערשטע פעלקר וואס האבן אים דער צערינט ער האט זיי פר פלייצט אונ האט זיי דרטרונקן בהפרידו בני אדם אז ער האט גטאהן צו שיידען די מענטשען פון דעם דור הפלגה האט ער דאך געקענט זיי פארלענדן פון דר וועלט אונ ער האט פארט אזו ניט גטאן נאר יצב ער האט גשטעלט גבולות די גרענעצין פון דיא פעלקער למספר צו דר צאל פון די קינדער ישראל ער האט זייא גלאזט לעבן פון ווענן דר צאל פון די קינדר ישראל

ווס

# וּבְתֹהוּ יְלֵל יְשִׁמֹן יְסֹבְבֶנְהוּ יְבוֹנְנֵהוּ

די לית מיא אשרינון סחור סחור לשכנתיה אלפינון

## רשב"ם

כדכתיב לנו מלאכיך סביב יחנה*). והמדרש בהיקף ענגים אינו. כי לפי הפשט אין הענן אלא לעסור ענן לפניהם כדכתיב וה' הולך לפניהם יומם בעמוד ענן לנחותם הדרך. ועוד כי יצרנהו כאלו של יסובבנהו: כאישון עינו. יצרנהו הקב"ה לישראל כמו האישון ששומר את העין. הוא הבשר שנכסף על העין שקורין הפלפידר"א. ולפי שמכסה את העין ומחשיך אותו

## בעל הטורים

(י) יבוננהו. מלא וי"ו שבו"ו בסיון נתן להם ו' דברים ואלו הן תורה עלות פקודי מלוה ירלה ומספט:

*) אולי כוונתו על הכתוב (בתהלים לה) חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם.

## בית יהודא

(מה שלא עשו ישמעאל ועשו) ווס ישמעאל אונ עשו האבן דס ניט געוואלט טאן (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן) הקב"ה הט געשיינט ווער איז געקומען פון שעיר ופון עשו צו די יודין, אונ הקב"ה הט געשיינט ווער איז געקומען פון פארן ופון ישמעאל צו די יודין, הקב"ה איז געוועזן ביי עשו אונ ישמעאל זייא זאלן נעמן די תורה האבן זיי ניט געוואלט, פון זיי איז הקב"ה געקומען צו יודין זיי זאלן נעמן די תורה, האבן זיי גענומן די תורה: ובתהו יליל ישמון, מיינט מען (ארץ ציה ושממה) אין אוויסטן ארט (מקום יללת תנינים ובנות יענה) אין אזו א ארט ווס דארטן טרויערן די שלאנגן אונ די שטרויס פייגל זינגן טרויעריגע לידער (אף שם נמשכו אחר האמונה) אפילו אין דעם וויסטן ארט האבן די יודין געצויגן נאך הקב"ה נייל זיי האבן געגלויבט אין הקב"ה אז ער קען זיי שפייזען אין אוויסטן ארט אויך (ולא אמרו למשה איך נצא למדברות מקום ציה ושממון) אונ זיי האבן ניט געזאגט צו משה וויא אזו וועלן מיר ארויסגיין אין א מדבר אין אוויסטן ארט (כענין שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק הקב"ה הט געזאגט צו דיא יודין איך געדיינק (לכתך אחרי במדבר) דיין גיין נאך מיר אין דר מדבר: (יסובבנהו). הקב"ה האט אים ארומגענומן (שם סבבם והקיפם בעננים) דארטן אין דר מדבר הט הקב"ה ארומגערינגולט די יודין מיט וואלקינס (וסבבם בדגלים לארבע רוח'ת) אונ הט זיי ארומגערינגולט מיט דיא פאנען צו אלע פיר זייטן (וסבבם בתחתית ההר) אונ ער האט זיי ארומגענומן אונטר דעם בארג (שכפאו עליהם כגיגית) ער הט אויף זיי בדעקט מיט דעם בארג ווי מען בדעקט מיט אפאס: (יבוננהו). (שם בתורה ובינה) הקב"ה הט דארטן דיא יודין גיגעבן פארשטיין די תורה, אונ האט זיי געגעבן פארשטאנדיגקייט: (יצרנהו). הקב"ה הט געהיט די יודין (מנחש שרף ועקרב ומן העובדי כוכבים) פון שלאנגן אונ פון ברענענדיגע שלאנגען אונ פון עקדעסין אונ פון די געצין דינער: (כאישון עינו). הקב"ה הט געהיט די יודין וויא אמענטש היט אישון עינו (הוא השחור שבעין) דס שווארצע ווס אין אויג (שהמאור יוצא הימנו) פון דם שווארצע וואס אין אויג גייט ארויס דיא ליכטיגקייט (ואונקלוס תרגם ימצאהו יספיקהו כל צרכו במדבר) דער תרגום אונקלוס טייטשט הקב"ה הט געגעבן צו די יודין אין דר מדבר אלץ ווס זיי האבן געדארפט, (ימצאהו) איז דערטייטש ער האט אים געגעבן גענוג (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (ומצא להם) עס וועט זייא גענוג זיין, נאך שטייט אין פסוק (לא ימצא לנו ההר) דר בארג וועט אונז ניט גענוג זיין: (יסובבנהו). מיינט מען (אשרינון סחור סחור לשכנתיה) הקב"ה הט געמאכט רוהען דיא יודין ארום זיין שכינה (ואהל מועד באמצע וארבעה דגלים לארבע רוחות) דר אהל מועד איז געשטאנען אין מיטן, אונ די יודין מיט די פיר פאנען זענן געווען

## רש"י

עשו ישמעאל ועשו שנאמר (לקמן לג) וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן: ובתהו ילל ישימון. ארץ ציה ושממה מקום יללת תנינים ובנות יענה אף שם נמשכו אחר האמונה ולא אמרו למשה היאך נצא למדברות מקום ציה ושממון כענין שנא' (ירמיה ב) לכתך אחרי במדבר: יסבבנהו. שם סבבם והקיפם בעננים וסבבם בדגלים לארבע רוחות וסבבם בתחתית ההר שכפאו ג עליהם כגיגית: יבוננהו. שם בתורה ובינה: יצרנהו. מנחש שרף ועקרב ומן האומות: כאישון עינו. הוא השחור שבעין ם שהמאור יוצא הימנו. ואונקלוס תרגם ימצאהו יספיקהו כל צרכו במדבר כמו (במדבר יא) ומצא להם (יהושע יז) לא ימצא לנו ההר. יסבבנהו. אשרינון סחור סחור לשכינתיה ע אוהל מועד

## שפתי חכמים

וישמעאל לגחלתי שהם מבני אברהם וילחק כמו בניו של יעקב: נ והטובה כזה כדי שיהיו כמו אגיסים ולא יוכל לשלוט כל ימיו כדין אגוסה וכן פירשתי בפ' וישמע יתרו ואין להקשות מנ"ל לשלשה אלו יל דהי מינייהו מפקת א"כ דהקרא מפרש שלשתן דקא"ר יסובבנהו יבוננהו שסיבב אותן בשעת נתינת התורה דהיינו כפה עליהם הר כגיגית יסובבנהו יצרנהו מנחשים דהיינו שהקיפן בענני כבוד והרג כל הנחשים והעקרבים יסובבנהו יצרנהו כאישון מן האומות דהיינו שסבבן בדגלים: ס (נח"י) ולמה נקרא אישון משום דנראה בו כדמות איש קטן כמו שנראה דמות איש במראות הנכים דאישון ל' איש וע"ש: ע פי' שהתרגום מתרגם כך על יסובבנהו ומפרש זה

## דעת זקנים מבעלי התוספות

בצקה: ובתהו ילל ישימון. ובאותו תהו דמדבר שהוא מקום שממה ויללה שאין שם רק תנים ובנות יענה שמספידין ומיללין כר"א אעשה מספד כתנים וגו' שם המציא כל צרכן וכן תרגום אונקלוס. ד"א ימצאה ובארץ מדבר מציאה גדולה מצא ישראל במדבר מן התורה שנתנה להם שם: ובתהו ילל ישימון. שעד שלא נתנה התורה היה העולם חשוך ויומם כלילה וכשנתנה היה אור שנא' כי נר מצוה ותורה אור: יסובבנהו. בסכוך ענגים. ד"א בהר סיני כשכפה עליהם ההר כגיגית: יבוננהו. שהבינם בתורה. ד"א לשון בנין המשכן: יצרנהו כאישון עינו. ששמרן מאומות ומעמלק:

## ליקוטי יוסף

געפאנגנם, אונ גיין אין דעם וויסטן מדבר נאנט דריי מיליאן מענטשען, ווייבער, קליינע קינדער, אלטע, אונ האבען ניט גיפרעגט וואס וועט מען עסן אין דר מדבר, נאר זייא האבן געגלויבט אז הקב"ה וועט זיי שפייזין אין דער מדבר, גלייך ווי עס וואלט געוועזן בארין כידבר, וויא דער מדבר וואלט געוועזן אלאנד, אונ די אמונה געדיינקט אייביג הקב"ה צו די יודען, וויא הקב"ה האט געזאגט צום נביא ירמיה ער זאל רופן צו די יודען זכרתי לך חסד נעוריך וגו':

## פירוש לתורת אלהים

אין דער מדבר זייא האבן אוף זיך מקבל געווען זיין תורה אונ זיין מלכות אונ זיין עול. אבער שעיר ופארן האבען אזו ניט געטאהן דען גאט האט זייא גיפרעגט אוב זיי ווילען נעמען די תורה אונ זיי האבן ניט גיוואלט ובתהו אונ אין דעם לאנד וואס איז וויסט אונ עס איז אזו איין ארט וואו דיא שלאנגען קלאגן האבן זיי זיך דארטן אוך נאך געצויגן נאך דר אמונה אונ האבען ניט געזאגט צו משה וואו וועלען מיר גיין אין דיא וויסטע מדבריות נאר זייא האבען געגלייבט אין הקב"ה אונ זענען געגאנגען יסובבנהו גאט הט זייא דארטען ארום גרינגלט מיט די וואלקינס

אונ

פתגמי אוריתא נטרנון כבבת עיניהון: יא כנשרא דמחיש לקנה על בנוהי מתחופף פרים גדפוהי מקבלהון מנטלהון על

יצרנהו כאישון עינו: יא כנשר יעיר קנו על־גוזליו ירחף יפרש כנפיו יקחהו ישאהו על־אברתו:

תו"א כנשר יעיר פקידה שער ט:

## רשב"ם

נקרא אישון וכמוהו שמרני באישון בת עין. כנוגע בבבת עינו הוא שקורין פרו"נילא שרואין בה: (יא) יעיר קנו. מעירו ומנענעו ממקומו. לשאתו

## רש"י

באמצע וארבעה דגלים לד' רוחות: (יא) כנשר יעיר קנו. נהגם ברחמים ובחמלה כנשר הזה רחמני על בניו ואינו נכנס לקנו פתאום עד שהוא מקשקש ומטרף על בניו בכנפיו בין אילן לאילן בין שוכה לחברתה כדי שיעורו בניו ויהא בהם כח לקבלו: יעיר קנו. יעורר בניו: על גוזליו ירחף. אינו מכביד עצמו עליהם אלא מחופף נוגע ואינו נוגע אף הקב"ה (איוב לז) שדי לא מצאנוהו שגיא כח כשבא ליתן תורה לא נגלה עליהם מרוח אחת אלא מארבע רוחות שנאמר (לקמן לג) ה' מסיני בא ר וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קודש (חבקוק ג) אלוה מתימן יבא זו רוח רביעית: יפרוש כנפיו יקחהו. כשבא ליטלן ממקום למקום אינו נוטלן ברגליו כשאר עופות לפי ששאר עופות יראים מן הנשר שהוא מגביה לעוף ופורח עליהם לפיכך נושאן ברגליו מפני הנשר אבל הנשר אינו ירא אלא מן החץ לפיכך נושאן על כנפיו אומר מוטב שיכנס החץ בי ולא יכנס בבני אף הקב"ה (שמות יט) ואשא אתכם על כנפי נשרים כשנסעו מצרים אחריהם והשיגום (חונים) על הים היו זורקים בהם חצים ואבני בליסטראות מיד (שמות יד) ויסע

## בית יהודא

ארום אהל מועד אין די פיר זייטן: (יא) וכנשר יעיר קנו. משה האט געזאגט (נהגם ברחמים ובחמלה) הקב"ה הט געפירט די יודין מיט רחמנות (כנשר הזה רחמני על בניו) ווי דר אדלער הט רחמנות אויף זיינע קינדר (ואינו נכנס לקנו פתאום) אונ ער קומט ניט צו זיין נעסט פלוצלונג (עד שהוא מקשקש ומטרף על בניו בכנפיו) נאר פריער קלאפט ער מיט זיינע פליגל לעבין זיינע קינדר (בין אילן לאילן בין שוכה זו להברתה) צווישען איין בוים אונ דעם אנדערן, צווישן איין צווייג אונ דם אנדערע (כדי שיעורו בניו) זיינע קינדר זאלן זיך אויפוועקן (ויהא בהם כח לקבלו) וועלן זיי האבן כח אים צו האלטן אין זייער נעסט: (יעיר קנו. מיינט מען (יעורר בניו) ער וועקט־אויף זיינע קינדר: (על גוזליו ירחף). ער פליהט אונ שוועבט איבר זיינע קינדר (אינו מכביד עצמו עליהם) ער מאכט זיך ניט שווער אויף זיי (אלא מחופף) נאר ער בדעקט אויף זיי (נוגע ואינו נוגע) ער רירט אן די קינדר זייגע אונ עס איז ניט אנגערירט (אף הקב"ה) הקב"ה הט אויך אזו געטאן (שדי לא מצאנוהו שגיא כח) מיר האבן ניט געפונען הקב"ה זאל קומען צו די יודין מיט אשטארקן כח (כשבא ליתן תורה) ווען הקב"ה איז געקומען געבן די תורה צו יודין (לא נגלה עליהם מרוח אחת) הט ער זיך ניט בעוויזען צו זייא פון איין זייט (אלא מארבע רוחות) נאר פון פיר זייטן (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (ה' מסיני בא) הקב"ה איז געקומען פון סיני (וזרח משעיר למו) אונ הט געשיינט פון שעיר צו אים (והופיע מהר פארן) ער האט געשיינט פון בארג פארן (ואתה מרבבות קודש) אונ ער איז געקומען פון צעהן טויזענד הייליגע מלאכים (אלוה מתימן יבא) הקב"ה איז געקומען פון תימן (זו רוח רביעית) דם איז די פערטע זייט: (יפרוש כנפיו יקחהו). ער שפרייט־אוס זיינע פליגל אונ ער נעמט דיא גאנצע נעסט (כשבא ליטלן ממקום למקום) ווען דר אדלער קומט צו דיא נעסט אונ ער וויל זיי איבערטראגן פון איין ארט צום אנדערן ארט (אינו נוטלן ברגליו כשאר עופות) נעמט ער זיי ניט מיט זיינע פיס וויא אנדערע עופות טוהען (לפי ששאר עופות יראים מן הנשר שהוא מגביה לעוף ופורח עליהם) ווייל אנדערע עופות האבען מורא פר דעם אדלער ווייל ער פליהט הויך אונ ער פליהט איבער זיי, דריבר האבן זיי מורא צו האלטען זייערע קינדער אויף זיך טאמר וועט דער אדלער זיי חאפען (לפיכך נושאן ברגליו מפני הנשר) דריבר טראגט ער די קינדער מיט די פיס ווייל ער האט מורא פאר דעם אדלער (אבל הנשר אינו ירא אלא מן החץ) אבער דער אדלער האט נאר מורא פר אפייל, טאמער וועט מען שיסען צו אים (לפיכך נישאן על כנפיו) דריבר טראגט ער די קינדער אויף זיינע פליגול ווארום פון זיינע פליגול וועט זויא קיינער חאפען, ווייל עס פליהט קיינער העכער פון אים (אמר מוטב שיכנס החץ בי ולא יכנס בבני) ער זאגט בעסר זאל די פייל אריינגיין אין מיר אונ זאל ניט אריין גיין אין מיינע קינדר (אף הקב"ה) הקב"ה האט אויך אזוי געזאגט (ואשא אתכם על כנפי נשרים) איך האב אייך געטראגען וויא אויף די פליגול פון אאדלער (כשנסעו מצרים אחריהם והשיגום חונים על הים) ווען דיא מצרים האבן געצויגן נאך די יודין אונ זייא האבען געטראפען די יודין רוהען לעבין ים (היו זורקים בהם חצים ואבני בליסטראות) האבן דיא מצרים געווארפן פיילען אונ שטיינער אויף דיא יודין (ויסע

## שפתי חכמים

אוהל מועד וכו': פ מכאן והלאה חזר לספר הטובות שעשה להם עמת לאתם ממצרים והם שכחו את הכל: צ פי' סוכה ענף עלים: ק רש"י אומר כן וה"פ שדי דהיינו הקב"ה לא מצאנוהו שגיא כח ר"ל דאע"ג דהוא שגיא דהיינו חזק לא נוהג בכח עם הבריות: ר מסיני בא אינו מן מנין ד' רוחות אלא שילא מסיני לקראת ישראל ואלו הן הד' רוחות וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קדש אלוה מתימן יבוא ויש ונקבים והא רש"י פי' לעיל קרא וזרח משעיר למו וגו' על העו"א שלא רצו לקבל עליהם את התורה וכ"פ רש"י לקמן בפ' וזאת הברכה וכאן פי' הקרא לד' רוחות העולם וי"ל דתרווייהו איתנייהו ביה דאי לד' רוחות לחוד נכתב הקרא א"כ קשה למה קרא שמות הרוחות בשמות אלו מה שלא קרא ד' רוחות העולם בשמות אלו בכל התורה כולה אלא ע"כ צ"ל דקאי נמי על העו"א ואלו לעו"א לחוד הוה אתי למה לא הזכירן בשמותן בהדיא אלא ע"כ תרווייהו איתנייהו ביה ולעיל בפסוק ימצאהו שמספר כשכחן של ישראל

## פירוש לתורת אלהים

אונ מיט דגלים יבוננהו ער הט זיי דארטן גגעבען צו. פר שטיין די תורה יצרנהו ער האט זיי גיהיטען פון שלאנגען אונ פון עגדיסן אונ פון די עובדי כוכבים באישון אזו ווי דם שווארץ אפיל פון דעם אוג [ע"רש"י]: (יא) כנשר גאט הט זיי גיפירט מיט דערבאריםקייט אזו ווי א אדלר איז זיך מרחם איבר זייני קינדר [ע"י] יפרוש כנפיו ער פארשפרייט זייני פליגל יקחהו ער נעמט זיינע קינדער אויף זיינע פליגל אונ טראגט

זייא

יב יְהוָה בָּדָד יַנְחֶנּוּ וְאֵין עִמּוֹ אֵל
נֵכָר: שלישי יג יַרְכִּבֵהוּ עַל־בָּמֳתֵי
יתיר ו׳ אָרֶץ וַיֹּאכַל תְּנוּבֹת שָׂדָי

תו״א ה׳ בדד ינחנו שם:

**אונקלוס**

תְּקוֹף אֲבָרוֹהִי: יב יְיָ בִּלְחוֹדוֹהִי עֲתִיד לְאַשְׁרָיוּתְהוֹן בְּעָלְמָא דְּהוּא עֲתִיד לְאִתְחַדָּתָא וְלָא יִתְקַיַּם קֳדָמוֹהִי פָּלְחַן טָעֲוָן: יג אַשְׁרִנּוּן עַל תָּקְפֵי אַרְעָא וְאוֹכָלִנּוּן בִּזַּת סָנְאֵיהוֹן וִיהַב לְהוֹן בִּזַּת שַׁלִּיטֵי

## רשב״ם

על אברתו. כמו העירותי מצפון ויאת. הנני מעיר עליכם. כשמביאו ממקום למקום קורא אותו לשון העדה: (יב) ה׳ בדד. הוא לבדו הוציאם ממצרים והוליך אותם לא״י: (יג) על במותי ארץ. ארץ ישראל גבוהה מכל הארצות:

## בעל הטורים

(יב) ינחנו. ב׳ במס׳ בדד ינחנו. נותן אדם ירחיב לו ולפני גדולים ינחנו. לומר מי שנותן צדקה הקב״ה בדד ינחנו: (יג) על במותי ארץ. מלא וי״ו על ששה עממים:

## בית יהודא

מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים וגו׳ וַיָּבֹא בֵּין מַחֲנֵה מִצְרַיִם וגו׳) איז באלד געקומען א מלאך פון הקב״ה אונ הט זיך געשטעלט צווישן די מצרים אונ יודין, אונ אלע פיילען אונ שטיינער זענן אריין אין דעם מלאך: (יב) ה׳ בָּדָד, וּלְבֶטַח נְהָגָם בַּמִּדְבָּר) הקב״ה הט געפירט די יודין אין דר מדבר אליין אונ זיכער: וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר, מיינט מען (לא הָיָה כֹּחַ בְּאֶחָד מִכָּל אֱלֹהֵי הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים לְהַרְאוֹת כּוֹחוֹ וּלְהִלָּחֵם עִמָּהֶם) עס איז ניט געווען אפילו איינער פון אלע פעלקערשע גאטער וואס זאל קענען ווייזען זיין כח צו מאכן א מלחמה מיט די יודין (וְרַבּוֹתֵינוּ דְרָשׁוּהוּ עַל הֶעָתִיד) די רבנן לערנן דעם פסוק אויף די צייט ווען משיח וועט קומען (וְכֵן תִּרְגֵּם אונקלוס) דר תרגום אונקלוס לערנט אויך דעם פסוק אויף דיא צייט ווען משיח וועט קומען, זאגט רש״י (וַאֲנִי אוֹמֵר) אבר איך זאג (דִּבְרֵי תוֹכָחָה הֵם) די רייד זענן צו שטראפען די יודין (לְהָעִיד הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ) צו מאכען פר עדות די הימעל אונ ערד (וּתְהֵא הַשִּׁירָה לָהֶם לְעֵד) דיא סדרה האזינו וועט אויך זיין א עדות (שֶׁסּוֹפָן לִבְגּוֹד) זייער סוף וועט זיין זיי וועלן זינדיגען (וְלֹא יִזְכְּרוּ הָרִאשׁוֹנוֹת שֶׁעָשָׂה לָהֶם) זיי וועלן ניט געדיינקן די ערשטע טובות וואס הקב״ה האט צו זיי געטאהן (וְלֹא הַנּוֹלָדוֹת שֶׁהוּא עָתִיד לַעֲשׂוֹת לָהֶם) אונ זיי וועלן ניט טראכטן וועגען די זאכן וואס קענען געבארן ווערן, וואס הקב״ה קען זיי טאהן רעות אונ טובות (וּלְפִיכָךְ צָרִיךְ לְיַישֵּׁב הַדָּבָר לְכָאן וּלְכָאן) דריבר דארפן מיר לערנען די פסוקים אויף וואס עס איז געווען אונ אויף וואס עס וועט זיין (וְכָל הָעִנְיָן מוּסָּב עַל זְכוֹר יְמוֹת עוֹלָם בִּינוּ שְׁנוֹת דּוֹר וָדוֹר) אונ די אלע פסוקים געהערען צו די פסוקים וואס איז פריער געשריבן „איר זאלט געדיינקען דיא פריערדיגע טעג אונ די פריערדיגע יאהרן", פון די צייט וואס הקב״ה הט באשאפן די וועלט ביז די צייט וואס איר קומט אריין אין ארץ ישראל (כֵּן עָשָׂה לָהֶם) אזו הט הקב״ה געטאהן צו זייא (וְכֵן עָתִיד לַעֲשׂוֹת) אונ אזו וועט ער טאהן (כָּל זֶה הָיָה לָהֶם לִזְכּוֹר) דאס אלץ דארפן די יודין געדיינקען: (יג) יַרְכִּבֵהוּ עַל בָּמֳתֵי אָרֶץ, זאגט רש״י (כָּל הַמִּקְרָא כְּתַרְגּוּמוֹ) דער גאנצער פסוק דארף ווערן געטייטשט ווי דער תרגום שרייבט: יַרְכִּבֵהוּ וגו׳, ער מאכט אים רייטען (עַל שֵׁם שֶׁאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גְּבוֹהָה מִכָּל הָאֲרָצוֹת) ווייל ארץ ישראל איז העכער פון אלע לענדר, דער וואס וואהנט אין ארץ ישראל ווערט גערופען „ער רייט אויף דם העכסטע לאנד פון אלע לענדער": וַיֹּאכַל תְּנוּבֹת שָׂדָי, ער וועט עסין די פרוכטן פון פעלד (אֵלּוּ פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) דס מיינט מען ער וועט עסען דיא

## רש״י

מלאך האלהים וגו׳ ויבא בין מחנה מצרים וגו׳: (יב) ה׳ בדד. ה׳ בדד ובטח ש נהגם במדבר: ואין עמו אל נכר. לא היה כח באחד א מכל אלהי הגוים להראות כחו ולהלחם עמהם. ורבותינו דרשוהו על ב העתיד וכן תרגם אונקלוס ואני אומר דברי תוכחה הם ג להעיד השמים והארץ ותהא השירה להם לעד שסופן לבגוד ולא יזכרו הראשונות שעשה להם ולא הנולדות שהוא עתיד לעשות להם לפיכך צריך לייסב הדבר ד לכאן ולכאן וכל הענין מוסב על זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור כן עשה להם וכן עתיד לעשות כל זה היה להם לזכור: (יג) ירכבהו על במתי ארץ. כל המקרא ה כתרגומו: ירכבהו וגו׳. על שם שארץ ישראל גבוה מכל הארצות: ויאכל תנובת שדי. אלו ו פירות

## שפתי חכמים

א פי׳ הטעם שדרשו על העו״ה שלא רצו לקבל התורה ובפסוק כנשר יעיר קנו שבא לספר כבודתו של מקום שהטיב לישראל מביא טעם השני: ש וה״ק הפסוק וי״י נהג את ישראל בדד ובטח אבל א״ל וי״י היה בדד דזה פשיטא אלא נולא בדד שב אל העם כלומר שלא היו צריכין לפום לימין ללכת עמהם ודרוב בטחונם ויהיה נולא ינחנו עתיד תחת עבר: א ר״ל זהו פירוש בטח כלומר שלא פחדו שמא יקום סוס אחד מכל אלהי הגוים להראות כחו להלחם עמהם משום דלא היה כו׳: ב ר״ל קרא די״י בדד: ג רצונו בזה דאין צריך לפרשו על העתיד כיון שעכשיו מדבר דברי תוכחות עמהם א״כ איך יתכן שיתנבא בכאן באמצע התוכחה על העתיד ל״פ ואני אומר כו׳ כלו׳ אף שהוא דבור על העתיד מ״מ גם הם דברי תוכחה כל הענינים וכו׳: ד ר״ל כך הקרא של י״י בדד ינחנו הוא משמע להבא ולעבר: ה פי׳ שיתן להם א״י וכ״ת א״כ הל״ל ויגחילנו וגו׳ וכדמפרש ואזיל: ו ק״ל וכי כנוקום אחר לא יאכלו לי״: אלו פירות כו׳:

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(יג) ירכיבהו על במתי ארץ. כר״א ואתה על במותימו תדרוך: ויאכל תנובות שדי. מאחר שבאו לארץ אכלו תנובת השדה ופסק המן כדכתיב וישבות המן ממחרת הפסח ויאכלו מעבור הארץ כדי שיתחזקו לכבוש את הארץ ואמרינן התם דקריב עומר והדר אכול והקשה הרב נתן האופניא״ל למה המתינו עד לאחר הקרבת העומר יבא עשה דבערב תאכלו מצות וידחה לא תעשה דולחם וקלי וכרמל וכו׳ כמו שעשה דמילה דוחה לא תעשה דצרעת ותירץ נזרה כזית ראשון אטו כזית שני דמכזית ראשון שיאכל מן המצה אקיים ליה עשה ונמצא עובר לאו בכזית שני דכבי האי גוונא אמרינן ביבמה שנפלה לפני כהן גדול דלא מיבמה יבא עשה דיבמה יבא עליה וידחה ל״ת דאלמנה לא יקח

## פירוש לתורת אלהים

זיי פון איין ארט אויף דעם אנדרען ארט [פיין רמ״ן]: (יב) יְיָ בָּדָד גאט אליין הט זיי געפירט זיכר אין דר מדבר אונ זיי האבן פר קיינם ניט מורא געהאט וְאֵין עִמּוֹ אונ עס איז ניט געווען מיט אים אֵל נֵכָר איין פרעמדער אפ גאט עס איז ניט געווען איין אפ גאט פון אלע אפ געטער ער זאל באווייזען זיין כח מלחמה צו האלטען מיט די ישראל [פיין רמ״ן]: (יג) יַרְכִּבֵהוּ עַל בָּמֳתֵי אָרֶץ ער הט אים גימאכט רייטען אויף די הייך פון דר ערד ער האט זיי גמאכט רוען אין ארץ ישראל וואס איז העכר פון אלע לענדער

ויאכל

## אונקלוס

קְרְוִין וְנִכְסֵי יָתְבֵי כְּרַכִּין תַּקִּיפִין : יד יְהַב לְהוֹן בִּזַּת מַלְכֵיהוֹן וְשַׁלִּיטֵיהוֹן עִם עוֹתַר רַבְרְבֵיהוֹן

וַיַּנִקֵהוּ דְבַשׁ מִסֶּלַע וְשֶׁמֶן מֵחַלְמִישׁ צוּר : יד חֶמְאַת בָּקָר וַחֲלֵב צֹאן עִם־חֵלֶב כָּרִים וְאֵילִים

## בעל הטורים

ויניקהו . חסר יו"ד מיו"ד דברות יונקת כל התורה :

תו"א ויניקהו דבש סוטה יא :

## רשב"ם

דבש . חכרים : ושמן . זיתים שנדלים על ההרים : (יד) חמאת בקר . לפי השמש ארץ זבת חלב . ובשר הרבה להם לאכול : חלב כרים . אילים מדבריות המפוטמי' במרעה כדכתיב ירעה מקנך כר נרחב וכן לבשו כרים הצאן דוגמת סוף הפסוק ועסקים יעטפו בר הכרים של הבואה לבשו את הצאן מלאים צאן לרעות בהם . וכן ואויבי ה' כיקר כרים כמניעת שדי תבואות שמשתרשין ברגע אחד סמוך לקציר בעור לילה . כלו בגשן . כלו בשרפת אש . וסופן משחורין . ואני כך ראיתי (כך) בקציר כן הרשעים תחלה מצליחים בתבואת כרים ויהפך עליהם לילה וידכאו : ואילים בני בשן . סתם בני בשן שמנים

## רש"י

ארץ ישראל שקלים לגוב ולהתכשל מכל פירות הארצות : ויניקהו דבש מסלע . מעשה באחד שאמר לבנו ח בסיכני הבא לי קציעות מן החבית הלך ומצא הדבש צף על פיה ט אמר לו זו של דבש היא אמר לו השקע ידך לתוכה ואתה מעלה קציעות מתוכה (ספרי) : ושמן מחלמיש צור . (מגהות פה) אלו זיתים של י גוש הלב : במותי ארץ . לשון גובה : שדי . לשון שדה : חלמיש צור . תקפו וחזקו של סלע כשאינו דבוק לתיבה שלאחריו נקוד חלמיש כ וכשהוא דבוק נקוד חלמיש : (יד) חמאת בקר וחלב צאן . זה היה בימי שלמה שנאמר (מלכים א ד) עשרה בקר בריאים ועשרים בקר רעי ומאה צאן : עם חלב כרים . זה היה בימי עשרת השבטים שנאמר (עמוס ו) ואוכלים כרים מצאן : חלב כליות חטה . זה היה בימי שלמה שנאמר (מלכים א ד) ויהי לחם שלמה וגו' : ודם ענב תשתה חמר . בימי עשרת השבטים (עמוס ו) השותים במזרקי יין : חמאת בקר . הוא שומן הנקלט מע"ג החלב : וחלב צאן . חלב של צאן וכשהוא דבוק ל נקוד חלב כמו בחלב אמו : כרים . כבשים : ואילים .

## בית יהודא

פירות פון ארץ ישראל (שקלים לגוב ולהתכשל מכל פירות הארצות) וואס זענען גרינג געשוואוינט צו בליהען און צייטיג ווערן געשווינטער ווי די פירות פון אלע לענדר : ויניקהו דבש מסלע . זאגט רש"י (מעשה) עס האט געטראפן (באחד שאמר לבני בסיכני) אין די שטאט סיכני האט איינער געזאגט צו זיין זוהן (הבא לי קציעות מן החבית) גיב אראפ געטריקנטע פייגן פון פאס און ברענג מיר (הלך ומצא הדבש צף על פיה) דער זוהן איז געגאנגען צו די פאס און האט געזעהן די פאס איז פוהל מיט האניק (אמר לו זו של דבש היא) האט דער זוהן געזאגט צום פאטער אין די פאס איז דאך האניק, ניט פייגען געטריקנטע (אמר לו) האט דער פאטער געזאגט צום זוהן (השקע ידך לתוכה ואתה מעלה קציעות מתוכה) שטעק אריין די האנט טיף אין די פאס וועסטו ארויסנעמען געטריקנטע פייגן פון די פאס, דס מיינט דר פסוק ודבש מסלע, האניק פון אשטיין . ווארום געטריקנטע פייגען זענען הארט וויא שטיין, און פון דעסטוועגען איז פון זיי ארויסגעגאנגען אזו פיל האניק : ושמן מחלמיש צור . בוימאייל וועסטו ארויסנעמען פון אשטארקען שטיין (אלו זיתים של גוש חלב) דס מיינט מען די אייל בירטען וואס וואקסן אויף דעם ארט גוש חלב . די אייל בירטען זענען הארט ווי שטיין און פון זייא גייט ארויס פיל בוימאייל : (יג) (במותי ארץ) . (לשון גובה) במותי איז דערטייטש „הויך" אויף דר העכסטע ארטער : ושדי . (לשון שדה) שדי איז ניט דרטייטש מיין פעלד , נאר וויא עס וואלט געשטאנען שדה, א פעלד : וחלמיש צור . מיינט מען (תקפו וחזקו של סלע) דיא שטארקייט פון שטיין (כשאינו דבוק לתיבה שלאחריו נקוד חלמיש) ווען דר ווארט חלמיש איז ניט באהעפט צום אנדערן ווארט וואס נאך אים איז געפינטלט חלמיש (וכשהוא דבוק נקוד חלמיש) און אז דר ווארט חלמיש איז בהעפט צום אנדערן ווארט וואס נאך אים , איז געפינטלט חלמיש : (יד) וחמאת בקר וחלב צאן . (זה היה בימי שלמה) דס איז געוועזן אין דיא צייט פון שלמה (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (עשרה בקר בריאים) צעהן אקסן פעטע (ועשרים בקר רעי) און צוואנציג אקסען געפיטערטע (ומאה צאן) און הונדערט שעפסן (עם חלב כרים) מיט דיא פעטע שעפסן (זה היה בימי עשרת השבטים) דס איז געוועזן אין די צייט פון די צעהן שבטים (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (ואוכלים כרים מצאן) און זיי עסען די פעטע פון די שעפסען : וחלב כליות חטה . די פעטע ווייץ קערנער (וזה היה בימי שלמה) דס איז געוועזן אין דיא צייט פון שלמה (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק ויהי לחם שלמה וגו' , דס ברויט פון שלמה איז געוועזן יעדער טאג דרייסיג כור פיינע ווייצן מעהל : ודם ענב תשתה חמר . דיא בלוט פון די ווינטרויבן וועסטו טרינקען וויין , דס איז געוועזן (בימי עשרת השבטים) אין דיא צייט פון דיא צעהן שבטים , ווי עס שטייט אין פסוק (השותים במזרקי יין) זייא טרינקען וויין אין בעקינס : וחמאת בקר . (הוא שומן הנקלט מעל גבי החלב) דיא פעטע וואס ווערט אראפגענומען פון די מילך , הייסט חמאה : וחלב צאן . מיינט מען (חלב של צאן) מילך פון שעפסן (וכשהוא דבוק) אז דער ווארט חלב איז באהעפט צו נאך א ווארט (נקוד חלב בח"פ) איז געפינטלט דר ווארט חלב מיט אחטף פתח (כמו בחלב אמו) וויא דר ווארט חלב אמו : (כרים) . מיינט מען כבשים , שעפסען : (ואילים) .

## דעת זקנים מבעלי התוספות

ומשני גזרה ביאה ראשונה אטו ביאה שנייה דסביאה ראשונה אקיים ליה עשה הכא נמי דכותה : ויניקהו דבש מסלע . שהיו עושים הדבורים דבש בנקיקי הסלעים . וגם התמרים גדלים על הסלעים ויוצא הדבש : ושמן מחלמיש צור . שהזיתים הגדלים בסלעים הם טובים מאותן שבבקעה לפי שחמה זורחת עליהם תמיד וממתקן כד"א וממגד תבואות שמש : (יד) עם

## שפתי חכמים

ז דק"ל והיאך כא זה שהיו יונקים דבש מן הסלע : ח בסיכני שם מקום : ט וקציעות הם קשים כמו סלע ואפ"ה היה דבש עליהם וא"כ היו יונקים דבש מן הסלע : י גוש חלב שם מקום : כ דק"ל למה נקוד חלמיש בשו"א תחת הלמ"ד ה"ל לניקוד חלמיש בקמץ כמו חלמיש למעינו מים לכך מפ' כשאינו דבוק כו' אבל כאן דבוק : ל דק"ל למה נקוד וחלב בשו"א תחת החי"ת ולירי"י תחת הלמ"ד ה"ל למכתב וחלב.

## פירוש לתורת אלהים

ויאכל און האט גמאכט זיי עסן די פרוכט פון דעם פעלד דס איז די פירות פון ארץ ישראל וואס זייא ווערן גיכר צייטיג פון אלע פירות פון אנדערע לענדר ויניקהו און ער האט אים גמאכט זייגען האניק פון אפעלזן ושמן און אייל פון אשטארקן פעלזן [ע' רש"י] : (יד) חמאת בקר פוטער פון רינדער וחלב צאן און מילך פון שאף עם חלב כרים מיט פעטיקייט פון שאף ואילים בני בשן און שאף פון בשן ועתודים און זכרים פון שאף

בני־בשן ועתודים עם־חלב כליות
חטה ודם־ענב תשתה־חמר:
טו וישמן ישרון ויבעט שמנת
עבית כשית ויטש אלוה עשהו
וינבל צור ישעתו: טז יקנאהו

ותקיפיהון עממא דארעהון ואחסנתהון עם ביזת חיליהון ומשריתהון ודם גבריהון יתשד כמיא:
טו ועתר ישראל ובעט אצלח תקוף קנא נכסין ושבק פלחן אלהא דעבדיה וארגיז קדם תקיפא דפרקיה:
טז אקניאו קדמוהי

תו"א עם חלב כליות חטה כתובות קיא: ודם ענב תשתה חמר שם: וישמן ישרון ברכות לב:

## רשב"ם

אבל כשאר מקומות הכרים המפוטמים במרעה הם שמינים מכל הבהמות: עם חלב כליות חטה. שומן תסדת חטים המובחרים כאן. וכמו וחכל דור המלך. כלתה נפשי לשון חימוד ותאוה, כלה שארי. כמו משורש שבה שביה יו"ד תחת ה"י בכל חטוטי למ"ד פעל ה"י. ומן בנה הגזרה בניה: חמר. ויין חמר טלא מסך: (טו) עבית. מנורת במעבה האדמה. כמו מן מראה ראית. מעשה עשית (וכן עשית היו"ד במקום ה"א בשרשו): אלוה

## בית יהודא

(כמשמעו) שעפסען זכרים ואשעפס אזכר, ביז ער ווערט אלט צוועלף חדשים, הייסט ער כבש, אשעפס, דעם דרייצעהנטין חודש, הייסט ער פלגס, פון דרייצענטין חודש אונ ווייטער הייסט ער איל: (בני בשן). (שמנים היו) די שעפסען פון בשן זענען גוועזן פעטע: (כליות חטה). מיינט מען (חטים שמנים כחלב כליות וגסין ככוליא) ווייץ פעטע ווי די פעטס פון די נירען אונ גרויס ווי אניר: (ודם ענב). מיינט מען (היה שותה ענב) ער הט געטרונקן די זאפט פון ווינטרויבן (וטעם יין חשוב) אונ ער הט פארזוכט אגשמאק פון גוטן וויין: (חמר). (יין בלשון ארמי) אויף ארמית זאגט מען אויף וויין חמר, זאגט רש"י (חמר אין זה שם דבר) חמר איז ניט דער נאמען פון וויין וניט אלע וויין ווערט גערופן חמר) (אלא לשון משובח בטעם) נאר דר וויין וואס הט אגוטן געשמאק, ווערט גערופן חמר (ועוד יש לפרש שני מקראות הללו אחר תרגום של אונקלוס) מען קען זאגן דעם מיינונג פון די צוויי פסוקים וויא דער תרגום אונקלוס שרייבט (אשרינון על תוקפי ארעא) איך וועל זייא מאכען רוהען אויף דיא שטארקייט פון לאנד ואונ וויא עס שטייט ווייטער אין תרגום: (טו) (עבית). (לשון עובי) עבית, דוא ביזט גראב געווארן: (כשית). (כמו כסית) דו האסט בדעקט (לשון כי כסה פניו בחלבו) ער האט בדעקט זיין פנים מיט פעטס (כאדם ששמן מבפנים וכסליו נכפלים מבחוץ) וויא אמענטש וואס איז פעט אינווייניג אונ זייגע פלאנקען זענען איינגעקנייטשט פון אויסווייניג (וכן הוא אומר) אונ אזוי זאגט דר פסוק (ויעש פימה עלי כסל) ער הט געמאכט אמויל וקנייטשין) אויף דיא פלאנקען: (כשית). זאגט רש"י (יש לשון קל בלשון כסוי) דר ווארט „כסוי" בארעקט איז דא מיט אגרינגען לשון (כמו וכוסה קלון ערום) ווער עס בדעקט די שאנד איז קלוג (ואם כתב כשית דגוש) ווען עס וואלט גוועזן געשריבן כשית מיט אפינטעל אין דיא שין (היה נשמע כסית את אחרים) וואלט מען מיינען דו האסט באדעקט אנדערע (כמו כי כסה פניו) ווי עס שטייט ער הט בדעקט זיין פנים ואונ כשית מיט אקמץ אונ אין שין איז ניטא אפינטעל, מיינט מען דוא האסט זיך אליין בדעקט: (וינבל צור ישועתו). ער הט פארשעמט דעם גאט וואס הט אים גיהאלפען (גנהו וביזהו) ער הט אים פארשעמט (כמו שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (אחוריהם אל היכל ה') זיי זענען געשטאנען מיט דעם אינטען צום בית המקדש (אין נבול גדול מזה) עס איז ביטא אגרעסערע פארשעמונג ווי דאס איז גוועזן: (טז) (יקנאהו). מיינט מען (הבעירו חמתו וקנאתו) זיי האבען אנגעצונדן

## רש"י

מ כמשמעו: בני בשן. שמנים היו: כליות חטה. חטים שמנים כחלב כליות וגסין כ ככוליא: ודם ענב. תהיה שותה טוב [נ"ל ענב] ס וטעם יין חשוב: חמר. יין בלשון ארמי: חמר. אין זה שם דבר אלא לשון משובח בטעם וויג"ש בלעז (וויניכט). ועוד יש לפרש שני מקראות הללו אחר תרגום של אונקלוס אשרינון על תוקפי ארעא וגו': (טו) עבית. לשון עובי: כשית. כמו כסית לשון (איוב טו) כי כסה פניו בחלבו כאדם ששמן מבפנים וכסליו נכפלים מבחוץ וכן הוא אומר (שם) ויעש פימה עלי כסל: כשית. יש לשון קל ע בלשון כסוי כמו (משלי יב) וכוסה קלון ערום ואם כתב כשית דגוש היה נשמע כסית את אחרים פ כמו (איוב טו) כי כסה פניו: וינבל צור ישעתו. גנהו וביזהו כמו שנאמר (יחזקאל ח) אחוריהם אל היכל ה' וגו' אין נבול גדול מזה: (טז) יקנאהו.

## שפתי חכמים

כולו בקמ"ץ: מ נראה דהלעת רש"י כך הוא כרים כבשים והשתא א"ש דאילים הוי פירושו כמשמעו דבלא זה ה"א דאילים הם כבשים ולמה נקראו אילים שמחזיקים ומעשרים את בעליהן ואילים נמ' ואת אילי הארץ לקח שהוא לי תוזק אבל השתא שפירש כרים כבשים אין אנו לריכים לדחוק ולפרש דאילים מלשון חוזק אלא אילים פירוש כמשמעו: נ דאל"כ למה מדמה לחלב כליות לא לשאר חלב: ס ר"ל שכך הפי' של פסוק ודם ענב היה שותה וכו': ע רלונו בזה כיון שהוא מל' כסוי ה"ל להדגיש השי"ן כמו שמלינו בכ"מ שלשון כסוי מודגש: פ אבל עכשיו הוא מבמע שאתה מכסה את עלמך:

## דעת זקנים מבעלי התוספות

חלב כרים ואילים. מיטב של כבשים ואילים כמו ואכלו את חלב הארץ: עם חלב כליות חטה. כליות ממש לפי שבכליות יש הריק מדמה אותם בחטה: ודם ענב תשתה חמר. שיהא

## פירוש לתורת אלהים

שאף עם חלב כליות חטה אונ אזו איין פעטע ווייץ ווי חלב פון נירין אונ איטליכע ווייץ איז אזו גרוס ווי אניר ודם ענב אונ פון רויטע ווייו טרויבן וויא בלוט תשתה חמר האסטו געטרונקען וויין: (טו) וישמן ישרון אונ די ישראל זענין פעט גווארן ויבעט אונ ער האט גטרעטן שמנת דו ביסט גווארן פעט אונ דיק כשית דו ביסט גווארן בדעקט מיט פעטיקייט ויטוש אונ ער הט פר לאזן דעם גאט וום האט אים בשאפן וינבל אונ ער הט געשענט אונ הט מבזה גוועזן צור דעם שטארקן גאט וואס האט אים גיהאלפען:

## משלים על התורה

(טו–יח) וינבל צור ישועתו וגו' צור ילדך תשי וגו'. למשל ראובן האט געטאן אטובה צוא שמעון אונ

פון

בְּפֻלְחַן טַעֲוָן בְּתוֹעֲבָתָא אַרְגִּיזוּ קֳדָמוֹהִי :
יז דַּבָּחוּ לְשֵׁדִין דְּלֵית בְּהוֹן צְרוֹךְ דַּחֲלָן דְּלָא יְדָעֻנּוּן חַדְתָּא דִּי מִקְּרִיב אִתְעֲבִידָא לָא אִתְעַסַּקוּ בְּהוֹן אֲבָהָתְכוֹן :
יח דַּחֲלָא תַּקִּיפָא דִּבְרָאָךְ

בְּזָרִים בְּתוֹעֵבֹת יַכְעִיסֻהוּ : יז יִזְבְּחוּ לַשֵּׁדִים לֹא אֱלֹהַ חול אֱלֹהִים לֹא יְדָעוּם חֲדָשִׁים מִקָּרֹב בָּאוּ לֹא שְׂעָרוּם אֲבֹתֵיכֶם : יח צוּר יְלָדְךָ

תו"א צור ילדך שם ה :

רשב"ם

עשהו. הוא עשך ויכוננך : ונבל. גוי נבל ולא חכם : (יז) לא שערום. לשון לשעירים אשר הם זונים אחריהם : (יח) ילדך. כמו ילד את אלמודד

## רש"י

הכעירו חמתו צ וקנאתו : בתועבות. במעשים תעובים כגון משכב זכור וכשפים שנאמר בהם תועבה : (יז) לא אלה. כתרגומו דלית בהון צרוך ק אלו היה בהם צורך ר לא היתה קנאה ש כפולה כמו עכשיו : חדשים מקרוב באו. (ספרי) אפילו האומות לא היו רגילים בהם נכרי שהיה רואה אותם היה אומר זה צלם יהודי : לא שערום אבתיכם. לא יראו מהם ת לא עמדה שערתם מפניהם דרך שערות האדם לעמוד מחמת יראה כך נדרש בספרי ויש לפרש עוד שערום

## בית יהודא

דעם כעס אונ דעם צארן פון הקב"ה : ובתועבות. מיינט מען (במעשים תעובים) מיט מיאוסע עבירות (כגון במשכב זכור וכשפים) איר האט מזנה געווען מיט זכרים איר האט גיטאהן כשוף (שנאמר בהם תועבה) ביי די עבירות שטייט זייא זענען פארמיאוסט ביי הקב"ה : (יז) ולא אלוה. מיינט מען (כתרגומו) ווי דער תרגום טייטשט (דלית בהון צריך) עס איז ניטא אין זיי אבעדארפונג, מען דארף זיי ניט, ווייל זיי קענען ניט העלפען (אלו היה בהן צרוך) ווען עס וואלט גוועז אין זיי אבעדארפונג, ווען מען וואלט זיי געדארפט, ווען זייא וואלטען געקענט העלפען (לא היתה קנאה כפולה כמו עכשיו) וואלט ניט גוועז דר כעס פון הקב"ה טאפיל אזוי גרויס ווייא ער איז איצט, ווארום אז זייער נאט וואלט זיי געקענט העלפען, וואלטען זייא געקענט זאגן דריבער דינען מיר צוא איהם ווייל ער העלפט אונז, אבער אז ער קען ניט העלפען צו וואס דינט איר צו איהם? געוויס צו דערצערענען הקב"ה, דריבער איז גרויס אויף אייך דר כעס פון הקב"ה) : וחדשים מקרוב באו. נייע געטער, עס האט נאך איין פאלק ניט געדינט צו זייא (אפילו האומות לא היו רגילים בהם) אפילו די פעלקר זענען ניט געווען געוואהנט צו דינען די געטער (נכרי שהיה רואה אותם) דר גוי וואס הט געזעהן די געטער (היה אומר זה צלם יהודי) האט ער געזאגט דער צלם איז פון איוד. איוד דינט צו איהם, ווייל גוים האבען צוא אזעלכע געטער ניט געדינט : ולא שערום אבותיכם. מיינט מען (לא יראו מהם) אייערע אלטערען האבען ניט מורא געהאט פר די געטער (לא עמדה שערתם מפניהם) די האר פון אייערע אלטערן האבען זיך ניט אויפגעשטעלט פר זיי (דרך שערות האדם לעמוד מחמת יראה) דיא נאטור איז ווען אמענטש ווערט דערשראקען שטעלן זיך אויף זיינע האר (כך נדרש בספרי) אזוי ווערט גלערנט אין ספרי (ויש לפרש עוד) מען

## דעת זקנים מבעלי התוספות

היין אדום כדם והשיבות הוא כד"א אל תרא יין כי יתאדם : (טז) בתועבות יכעיסוהו. בגזל ועריות שנא' בהם כי את התועבות האל עשו : (יז) יזבחו לשדים. שהוא דבר נמאס : לא אלוה. שאין לו כח ולא היזק כמו ואת אילי הארץ לקח. ואונקלוס תרגם דלית בהון צרוך אך אם היה בהם שום צורך לא היתה קנאה כפולה כמו שהוא עכשיו. ואמר ליה ההוא רומאה לר' שטעון אלהכון קנאי הוא דכתיב אל קנא כלום מתקנא אלא גבור בגבור וכתיב הם קנאוני בלא אל ואני אקניאם בלא עם. א"ל אמשול לך משל למה הדבר דומה לאדם שנשא אשה יפת תואר ביותר וחזר ולקח אחרת עליה כעורה ביותר כעסה עליו הראשונה ואמרה לו אלו לקחת הגונה לא הייתי מקפדת עכשיו שהיא כעורה הקפידה כפולה כך אמר הקב"ה כיון שאתם יודעים שאין בהם ממשות הרי הקנאה כפילה : אלהים לא ידעום. לא הכירום שיהיה בהם שום תועלת. והרב יוסף קרא פירש לפי שבהקב"ה כתיב כי ידעתי את מכאוביו אבל הם לא ידע בצרותיהם ולא עמדו להם : חדשים מקרוב באו. לא נקראו אלוה עד עכשיו : לא שערום אבותיכם. לא פקדום. פוקד מתרגמינן מסער : (יח) צור ילדך תשי. הקב"ה

## שפתי חכמים

צ פירוש שכל לשון קנאה הוא המתחרה לנקום נקמת דבר : ק צרוך פירוש כח ויכולת והוצרכו לפרש כן מדכתיב אחריו אלהים לא ידעום ואם היה פי' לא אלוה כמשמעו איך קראו אחר זה אלהים. הרא"ם : ר רצ"ל בלא תקשי מדכתיב לא אלהים משמע אבל אם היה בו צרוך כגון כוכבים ומזלות לא היו מקניטים לו ואיך יתכן זה הרי כתי' ופן תשא עיניך וגו' לירא או לכל צבא השמים : ש וא"ת והא לעיל בפ' כי תשא פירש"י למה יחרה אפך כלום מתקנא אלא גבור בגבור וכו' וא"כ למה תהא קנאה כפולה וי"ל לעיל גבי תפלה לפייס הפ"ש אמר משה למה יחרה אפך כלום מתקנא וכו' אבל לענין עונש כסבא הקב"ה לענוש על ע"א העובדים אותם או העונש יותר גדול כמה דלית ביה צרוך : ת ויהיה כנוי שערום כמו כני ילאוני ילאו ממני פן

## פירוש לתורת אלהים

(טז) יקניאוהו זיי טוען איהם דער צערנען מיט פרעמדע אפגעטער בתועבות מיט אום ווירדיגע מעשים טוען זיי איהם דער צערנען : (יז) יזבחו לשדים זייא שעכטן צו די טייבלען לא אלוה וואס זענין ניט קיין גאט (עיין רש"י) אלהים לא ידעום אזעלכע אפגעטער וואס זיי קענען זיי ניט, נאר חדשים מקרוב באו זיי זענען נייע אונ זענען ניט לאנג ארום גקומען די ישראל האבען זיך גמאכט נייע אפגעטער אז אפילו די עובדי כוכבים האבען זיי אויך ניט גקאנט אונ אז איין עובד כוכבים האט געזעהן דעם אפגאט הט ער גזאגט דס איז איין אפגאט פון איהודי לא שערום אבותיכם אייערע עלטערן האבען זיך ניט גפארכטן פאר זיי אדער שערום איז טייטש שדים אייערע עלטערן האבען ניט גדינט צו די שדים וואס איר דינט : (יח) צור דער שטארקער גאט

## משלים על התורה

פו די טובה איז שמעון רייך געווארן, אויב שמעון איז פרום אונ מיט זיין רייכקייט דינט ער הקב"ה מער ווי פריער אונ ער גיט צדקה אונ גמלות חסדים, לויבן אלע מענטשן ראובן וואס ער הט שמעון רייך געמאכט, אלע זאגן ראובן הט גוט געטאן וואס ער הט שמעון רייך געמאכט, אבר אויב שמעון איז דורך דעם רייכקייט שלעכט געווארן,

פריער

תשי ותשכח אל מחללך: רביעי

יט וירא יהוה וינאץ מכעס בניו

ובנתיו: כ ויאמר אסתירה פני מהם

אראה מה אחריתם כי דור

תהפכת המה בנים לא־אמן בם:

אתנשתא שבקתא פלחן אלהא דעבדך: יט וגלי קדם יי ותקף רגזה מדארגיזו קדמוהי בנין ובנן: כ ואמר אסלק שכנתי מנהון גלי קדמי מא יהי בסופיהון ארי דרא דאשניו אנון בניא

**תו"א** וירא ה' וינאץ כתובות ט ספר הזוהר פ' וילא יעקב: כי דור יומא פג: בנים לא אמן בם קידושין לו:

## רשב"ם

כמו תוליד: תשי. תשכח. מן נשה כמו אל תט אל דרכיה מן נטה. זהיו"ד כתשי כמו יו"ד מלפניך אל תשחי כמו אל תמחה: (יט) בניו

## בעל הטורים

(יח) תשי. יו"ד קטנה כתן לך יו"ד דברים ונסית אותו בי' נסיונות ולכך יו"ד דיגדל נא גדולה לומר לך זכור לאברהם שנסיתו בעשרה

## בית יהודא

כען נאך זאגן דעם מיינונג פון פסוק (שערום לשון ושעירים ירקדו שם) שערום מיינט מען שעירים, ווי עס שטייט אין פסוק ושעירים ירקדו שם (ושעירים הם שדים) שעירים מיינט מען שדים (לא עשו אביהכם שעירים הללו) אייערע אלטערן האבן ניט געמאכט אזעלכע שדים: (יח) ותשי. (תשכח) תשי איז טייטש פארגעסען (ורבותינו דרשו) די רבנן לערנן תשי איז טייטש שוואך (כשבא להטיב לכם אתם מכעיסין לפניו ומתישים כחו מלהטיב לכם) ווען הקב"ה קומט ער זאל אייך טאהן גוטעס זינדיגט איר אונ איר דערצערענט אים, מאכט איר שוואך זיין כח ער זאל ניט קענען אייך גוטעס טאהן: (אל מחוללך), דער גאט (מוציאך מרחם) וואס האט דיך ארויסגענומען פון דיין מוטערס בויך (לשון יחולל אילות) ער מאכט געבארין דיא חיות וואס הייסן אילות (חיל כיולדה) ער ציטערט ווי דיא אשה ווען זיא געבארט אקינד: (כ) ומה אחריתם. מיינט מען (מה תעלה בהם בסופם) וואס וועט זיין מיט זיי אין לעצטן: כי דור תהפוכות המה. זיי זענען מענטשען פון פארקערונג (מהפכין רצוני לכעס) זייא פארקערען דעם ווילען פון הקב"ה צו כעס: ולא אמון בם. משה רבינו זאגט (אין גדולי נכרים בהם) עס איז נים צוא דערקענען איף די יודין אז איך האב זיי געאדעוועט (כי הוריתים דרך טובה וסרו ממנה) איך האב זיי גילערנט אונ געוויזען אגוטע וועג אונ זיי זענען פון איר אוועקגעגאנגען (אמן לשון ויהי אומן) אמן איז טייטש אדעוען, וויא עס שטייט אין פסוק אומן את הדסה, ער האט געאדעוועט דיא

## רש"י

לשון (ישעיה יג) ושעירים ירקדו שם שעירים הם א שדים לא עשו אבותיכם שעירים הללו: (יח) תשי. תשכח ורבותינו דרשו כשבא להיטיב לכם אתם מכעיסין לפניו ומתישים כחו ב מלהיטיב לכם: אל מחוללך. מוציאך מרחם לשון (תהלים כט) יחולל אילות (שם מח) חיל כיולדה: (כ) מה אחריתם. מה תעלה בהם ג בסופם: כי דור תהפוכות המה. מהפכין רצוני ד לכעס: לא אמן בם. אין גדולי נכרים ה בהם כי הוריתים דרך טובה וסרו ממנה: אמן. לשון (אסתר ב) ויהי אומן נודריטור"ה בלעז (ערציהונג) ד"א

## שפתי חכמים

תפשטנו תבנע נמנו: א ויהיה נ"כ פה כנוי שערום מהם רק פי' מהם פירש נומין השעירים שהם השדים הנזכרים למעלה ופירוש שערום עשו שעירים כמו מהגוים עשו אלומים. רא"ם: ב והוא מל' תשש כחו כנקבה ולפירוש ראשון יהי' מלת תשי מגזירת נשיתי טובה: ג כי המנוקש הוא אינו רק לדעת מה יהא עליהם באחרונה לא מה יהא אחריתם כי אחריתם היא המיתה ובלאו הסתרת פנים כל הילודים למות אלא מה יהא עליהם פורעניות בשביל הסתרת פנים: ד לא שהם נתהפכין כפי המובן והוכחתו מדכתיב כי וגו' וכל כי היא כחינת טעם אשלמעלה וק"ל: ה ופירוש אמן מל' ויהי אומן את הדסה והוסיף מלת נכרים כי בזולת התוספת יהא המובן ממנו שאין

## דעת זקנים מבעלי התוספות

שבראך במעי אמך והולידך שכחת בשביל החדשים שאינן שוים כלום: ותשכח אל מחוללך. כפול הענין: (כ) ויאמר אסתירה פני מהם. כתרגום אסלק שכינתי מנהון ומאחר שאני מסלק אראה מה אחריתם. מה יועילו להן אותן אלוהות שבחרו: כי דור תהפוכות. שמחשבין הטובה שעשיתי עמהם

## פירוש לתורת אלהים

וואס האט דיך בשאפן האסטו אים פר געסין [עיין רש"י] ותשכח אונ דו האסט פר געסין אל דעם גאט וואס האט דיך גמאכט ארוס ציהען פון דיין מוטערס בויך: (יט) וירא אונ עס איז וואָרען גיזעהן פר גאט וינאץ אונ ער צערינט מכעס בניו ובנותיו ווייל זיינע זיהן אונ טעכטער האבן אים דער צערינט: (כ) ויאמר דרום זאגט ער אסתירה איך וועל אפ טאן מיין שכינה פון זיי וועל איך זעהן וואס וועט זיין ווייער סוף כי דור תהפוכות המה ווארום זיי זענען אזו אדור וואס זיי פאר קערין מיין גוטין ווילען צו צארען בנים זייא זענען אזעלכע קינדער לא אמון בם מיין דער ציהונג וואס איך האב זיי דר צוגן ווערט ניט דר קענט אין זיי ווארום איך האב גוויזען זייא דעם גוטען וועג אונ זיי האבין דר פון אפ גיקערט [עיין רש"י]:

## משלים על התורה

פריער איז ער געווען פרום, איצט איז זיין פירונג געווארן ניט יודיש ער איז געווארן ארשע, אונ ער לאזט ניט אריין אייד צו זיך אין שטוב, אונ גיט ניט צדקה ניט גמילות חסדים, אלע מענטשן זאגן ווי שלעכט האט ראובן געטאן וואס ער האט רייך געמאכט שמעונן, ער האט געמאכט פון אצדיק ארשע, דאס זעלביגע איז ביי יודין, ווען די יודין זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים אין דר מדבר, אונ זענען געווען פרום, האבן אלע פעלקר געלויבט הקב"ה אונ האבן געזאגט הקב"ה האט גאנץ רעכט געטאן וואס ער האט ארויס־גענומען יודין פון מצרים, די יודין זענען ווערט די אלע טובות וואס הקב"ה טוט מיט זיי, אבר ווי איר זענט געקומען אין ארץ ישראל אונ איר זענט פעט געווארן, אונ איר האט פארלאזען הקב"ה. צור ילדך תשי, דעם בשעפער וואס האט דיך געבארן. ארויסגענומען פון מצרים, וואס דא

ביזט

כא הם קנאוני בלא־אל כעסוני בהבליהם ואני אקניאם בלא־עם בגוי נבל אכעיסם: כב כי־אש קדחה באפי ותיקד עד־שאול תחתית ותאכל ארץ ויבלה ותלהט מוסדי הרים: כג אספה

תו"א בגוי נבל יבמות סג:

## אונקלוס

אֲנִי אָמִית איך טוא טייטען וַאֲחַיֶּה אונ מאך לעבעדיג מָחַצְתִּי איך טוא וואונדען וַאֲנִי אֶרְפָּא אונ איך טוא היילען וְאֵין מִיָּדִי אונ עס קאן קיינער פון מיין האנט ניט מאכן אנטרינען די וואס זענען מורד אין מיר: (מ) כִּי אֶשָּׂא דען איך וועל אויף הייבן מיין האנט צו מיר אונ וועל שווערן וְאָמַרְתִּי אונ איך וועל זאגן חַי אָנֹכִי איך שווער אזו ווי איך לעב אייביג: מא) אִם אז איך וועל שארפען די קלינג פון מיין שווערד וְתֹאחֵז אונ מיין האנט וועט אן געמען אין משפט אונ אפ לאזן די מדה פון רחמים וועט מיין האנט זיך נוקם

זיין

נָקָם לְצָרָי וְלִמְשַׂנְאַי אֲשַׁלֵּם׃
מב אַשְׁכִּיר חִצַּי מִדָּם וְחַרְבִּי תֹּאכַל
בָּשָׂר מִדַּם חָלָל וְשִׁבְיָה מֵרֹאשׁ

בְּדִינָא יְדִי אָתֵב
פֻּרְעֲנוּתָא לְסָנְאַי וּלְבַעֲלֵי
דְבָבַי אֲשַׁלֵּם׃ מב אֲרַוֵּי
גִירַי מִדְּמָא וְחַרְבִּי תִקְטוֹל
בְּעַמְמַיָּא מִדַּם קְטִילִן
וְשִׁבְיָן לְאַעֲדָאָה כִּתְרִין
מֵרֵישׁ סָנְאָה וּבְעֵל

## בעל הטורים

(מב) וחרבי. אותיות חרב י"ו לומר לך שחרבו של הקב"ה יש לה י"ו פנים כדאיתא במדרש סו"ס: נקם ברית. לנקום על כל מלוה ומלוה שנכרתו עליה י"ו בריתות ולכך ט"ז פעמים חרב בפ' יורדי בור (ביחזקאל לב). ד"פ נקם בפרשה וכנגדם אמר דוד ד"פ עד אנה וד"פ פנה אלי. כ"ב פסוקים בהאזינו ולפי שעברו עליהם לכך לא עבר איש ביהודה כ"ב שנה:

## רש"י

פ שהרעו לכם אשר אני קצפתי מעט צ והמה עזרו לרעה. ד"א ותאחז ידי את מדת ק המשפט להחזיק בה ולנקום נקם: אשיב נקם וגו'. למדו רבותינו באגדה מתוך לשון המקרא שאמר ותאחז במשפט ידי לא כמדת בשר ודם מדת הקב"ה מדת בשר ודם זורק חץ ואינו יכול להשיבו והקב"ה זורק חציו ויש בידו להשיבן כאלו אוחזן בידו שהרי ברק הוא חצו שנא' כאן ברק חרבי ותאחז במשפט ידי והמשפט הזה ל' פורענות ר הוא בלעז יושטיצא"ה (שטראפגערעכטיקייט): (מב) אשכיר חצי מדם. ש האויב: וחרבי תאכל בשר. בשרם: מדם חלל ושביה. זאת תהיה להם מעון דם חללי (פ"א חללי דם) ת ישראל ושביה ששבו מהם: מראש פרעות אויב. מפשע תחלת פרצות האויב א כי כשהקב"ה נפרע מן האומות פוקד עליהם עונם ועונות

## בית יהודא

אין מיינע פיינד וויל זיי האבן אייך שלעכטס געטאן (אֲשֶׁר אֲנִי קָצַפְתִּי מְעַט) איך האב אויף אייך געצערונט אביסל (וְהֵמָּה עָזְרוּ לְרָעָה) אונ זיי האבן גיהאלפן צו די שלעכטס (דָּבָר אַחֵר) נאך אפשט איז הקב"ה זאגט (וְתֹאחֵז יָדִי אֶת מִדַּת הַמִּשְׁפָּט לְהַחֲזִיק בָּהּ וְלִנְקוֹם נָקָם) מיין האנט וועט אנגעמען די מדה פון משפט צו האלטן איר צו שטראפן מיט איר די פיינד: נאשיב נקם וגו'. זאגט רש"י (לָמְדוּ רַבּוֹתֵינוּ בְּאַגָּדָה) די רבנן האבן גלערנט אין די דרשות פון פסוקים (מִתּוֹךְ לְשׁוֹן הַמִּקְרָא שֶׁאָמַר וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי) פון דעם לשון פון פסוק „הקב"ה" זאגט „מיין האנט האלט דעם משפט" ווייסען מיר (לֹא כְּמִדַּת בָּשָׂר וָדָם מִדַּת הקב"ה) דער כח פון אמענטש איז ניט אזוי גרוים ווי דער כח פון הקב"ה (מִדַּת בָּשָׂר וָדָם זוֹרֵק חֵץ וְאֵינוֹ יָכוֹל לַהֲשִׁיבוֹ) ווען אמענטש ווארפט ארוים פון האנט אפייל קען ער אים ניט צוריקנעמען (וְהַקב"ה זוֹרֵק חִצָּיו וְיֵשׁ בְּיָדוֹ לַהֲשִׁיבָן כְּאִילוּ אוֹחֲזָן בְּיָדוֹ) אונ הקב"ה ווארפט זיינע פיילען אונ ער קען זייא צוריקנעמען גלייך ווי ער וואלט זייא געהאלטן אין האנט (שֶׁהֲרֵי בָּרָק הוּא חִצּוֹ) דער בליץ איז אפייל פון הקב"ה (שֶׁנֶּאֱמַר כָּאן) ווי דא שטייט (בְּרַק חַרְבִּי) דער בליץ איז מיין שווערד (וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי) מיין האנט האלט דעם משפט (וְהַמִּשְׁפָּט הַזֶּה לְשׁוֹן פּוּרְעָנוּת הוּא) דעם ווארט משפט מיינט מען אשטראף, זאגט הקב"ה דער שטראף איז אייביג אין מיין האנט, אפילו ווען איך האב געבראכט דעם שטראף אויף אמענטש, קען איך דעם שטראף פון אים צוריק נעמען: (מב) וְאַשְׁכִּיר חִצַּי מִדָּם (הָאוֹיֵב) איך וועל מאכן שכור מיינע פיילן פון די בלוט פון דעם פיינד: וְחַרְבִּי תֹּאכַל בָּשָׂר. מיין שווערד וועט עסין פלייש (בְּשָׂרָם) זייער פלייש, דאס פלייש פון דעם פיינד: מִדַּם חָלָל וְשִׁבְיָה. מיינט מען (זֹאת תִּהְיֶה לָהֶם) דער שטראף וועט אויף זיי קומען (מֵעָוֹן דַּם חַלְלֵי יִשְׂרָאֵל וְשִׁבְיָם שֶׁשָּׁבוּ מֵהֶם) פאר זייערע זינד וואס זיי האבען פארגאסן דאס בלוט פון די יודין וועלכע זיי האבן געהרגעט אונ פאר די געפאנגענע יודין וואס זיי האבן געפאנגן: וּמֵרֹאשׁ פַּרְעוֹת אוֹיֵב) מיינט מען (מִפֶּשַׁע תְּחִלַּת פִּרְצוֹת הָאוֹיֵב) פון דעם אנהייב זינד וואס דער פיינד האט אויסגעבראכין אויף דיא יודין (כִּי כְּשֶׁהַקב"ה הָיָה נִפְרָע מֵהָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים) ווען הקב"ה פלעגט שטראפען די געציין דינער (הָיָה פּוֹקֵד עֲלֵיהֶם עֲוֹנָם וַעֲוֹנוֹת אֲבוֹתֵיהֶם מֵרֵאשִׁית פִּרְצָה שֶׁפָּרְצוּ בְּיִשְׂרָאֵל) פלעגט ער אויף זיי דערמאנען זייערע זינד אונ די זינד פון זייערע אלטערן פון די ערשטע אלטערן וואס זייא

## שפתי חכמים

ללהב וברק כמו לברק שפירושו להיות לה לברק: פ פי' ותאחז ידי במדת משפט להחזיק בה כדי להנקם ולהניח הרחמים שלא להשתמש בה עם אויבי שהרעו לכם ובאויבי שהרעו לכם דבוק עם ותאחז במשפט לא עם להניח מדת הרחמים ויהי' פירוש המקראות כך כשאני אל שמים ידי ונשבעתי חי אנכי שאשנן את חרבי לעשות לה ברק כמנהג יוצא למלחמה ושתאחז במשפט ידי להשיב נקם לצרי להנקם מהם מפני שהרעו לכם שאני קצפתי עליכם מעט והמה עזרו לרעה: צ רצונו בזה שלא תאמר מה חטאו עו"א בזה שהרי אתה מסרתם בידם כדי שיתיסרו מידם: ק לטעם ראשון קשה מדת הרחמים מאן דכר שמיה ולפירוש ד"א קשה הוה ליה לכתוב ותאחז ידי במשפט. ל"פ גם טעם ראשון. הרא"ם. ומפי מורי מהר"ל שמעתי דהאי ד"א ע"ס הוא והכל פירוש אחד הוא: ר ויהי' מלת ותאחז דבוק עם ברק חרבי שהברק הוא חצו של הקב"ה שנא' ויצא כברק חצו והוא הפורעניות אבל אי הוה פירושו כמשמעו לא הי' כשמע מיני' מידי שהרי גם מלך בו"ד כשיושב במשפט יכול להטות המשפט לאיזה צד שירצה ועכשיו שפי' פורענות שפיר משמע מיניה לא כמדת ב"ו וכו' ומקרא מסורס הוא לפי האגדה וה"ק ותאחז ידי ברק חרבי במשפט: ש ויהי' מלת מדם כמו מן דם האויב ולא יהי' מ"ם מדם מ"ם הסיבה כמ"ש מדם חלל וגו' ולי' אשכיר מלי' שכורה ולא מיין: ת פירוש ויהי' מ"ם של מלת מדם מ"ם הסיבה והרא"ם פי' זאת הפורעניות שאמרתי אשכיר חצי וגו' הוא מפני עון החלל לא בעבור חללי דם שהרגו מישראל ויהי' מדם כמו הפוך והוי כמו מחללי דם מפני שהעון שעשו הוא בעבור הדם ומה שכתב למעלה אשכיר חצי מדם אין פי' של מדם חלל רק הוא פי' מדם שברא"ש הפסוק והוא דרך משל שהשכרות של חצי הוא רק מרוב שתיית דם האויב: א מפני שהוא דבוק עם מדם חלל ושביה שפירושו מפשע חללי דם ומפשע השביה אם כן צריך ג"כ לפרש מפשע ראש פרעות אויב ופרעות לשון פרצות ומפני שתחלת הפרצה היתה בישראל מימי אבותיהם של-אלו למדו מכאן כשהקב"ה נפרע מן

## פירוש לתורת אלהים

זיין אין די כשדים וואס האבן די ישראל שלעכטס געטאהן אשיב איך וועל ווידער קערען אַרעכנונג צו מיינע בליידיגער איך וועל מיך אין זייא נוקם זיין ולמשנאי אונ צו מיינע פיינט וועל איך בצאלן [ע' רד"ק]: (מב) אשכיר חצי איך וועל מאכען אן טרינקין מיינע פיילען מדם פון בלוט פון די כשדים וחרבי אונ מיין שווערד וועט עסין זייער פלייש מדם פון וועגען בלוט חלל די געהרגעטע ושביה אונ געפאנגענע פאר וואס וועל איך מיך אזו נוקם זיין אין די עובדי כוכבים פאר דעם וואס זיי האבען געהרגעט די ישראל אונ פאר דעם וואס זייא האבען געפאנגען די יודען בשעת חורבן בית ראשון ובית שני מראש פון אן הייב פרעות

עַמֵּהּ : מד וַאֲתָא מֹשֶׁה וּמַלֵּיל יָת כָּל פִּתְגָמֵי

מד וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת־כָּל־דִּבְרֵי

## רש"י

שפירשתי ד עד תכליתו. ור' נחמיה דורשה כלפי האומות עו"ת כי גוי אובד עצות המה כמו שפירשתי תחלה עד ואויבינו פלילים: (לב) כי מגפן סדום גפנם. של אומות עו"ת: ומשדמות עמורה וגו'. ולא ישימו לבם לתלות הגדולה בי: ענבמו ענבי רוש. הוא שאמר לולי כעס אויב אגור על ישראל להרעילם ולהמרירם לפיכך אשכלות מרורות למו להלעיט אותם על מה שעשו לבני: (לג) חמת תנינם יינם. מוכן להשקותם על מה שעושין להם: (לד) כמוס עמדי. אותו הכוס שנאמר (תהלים עה) כי כוס ביד ה' וגו': (לה) לעת תמוט רגלם. כענין שנאמר (ישעיה כו) תרמסנה רגל: (לו) כי ידין ה' עמו. בלשון זה ה משמש כי ידין בלשון דהא ו ואין ידין לשון יסורין אלא כמו כי יריב את ריבם מיד עושקיהם: כי יראה כי אזלת יד וגו'. (לז) ואמר אי אלהימו. האויב יאמר אי אלהימו של ישראל כמו שאמר טיטוס הרשע כשגידר את הפרכת כענין שנאמר (מיכה ז) ותרא אויבתי ותכסה בושה האומרה אלי איו ה' אלהיך: (לט) ראו עתה כי אני וגו'. אז יגלה הקב"ה ישועתו ז ויאמר ראו עתה כי אני אני הוא מאתי באת עליהם הרעה ח ומאתי תבא עליהם ט הטובה: ואין מידי מציל. מי שיציל אתכם מן הרעה אשר אביא עליכם: (מ) כי אשא אל שמים ידי. כמו כי נשאתי י תמיד אני משרה מקום שכינתי בשמים כתרגומו אפי' חלש למעלה וגבור למטה אימת העליון על התחתון וכל

## בית יהודא

פארקויפט קען דס גוט זיין, נאר געוויס האט הקב"ה איבערגעגעבן די יודין צו די פעלקר (כי לא כצורנו צורם) (הכל כמו שפירשתי עד תכליתו) פון כי לא כצורנו צורם ביז אדמתו עמו, איז אלץ ווי איך האב שוין געשריבן (ורבי נחמיה דורשה כלפי העובדי כוכבים) רבי נחמיה לערנט די פרשה שמועסט פון די געצין דינער (כי גוי אובד עצות המה כמו שפירשתי תחלה עד ואויבינו פלילים) פון כי גוי אובד עצות בי' ואויבינו פלילים איז ווי איך האב געשריבן פריער: (לב) וכי מגפן סדום גפנם. (של העובדי כוכבים) דר וויינשטאק פון די געצין דינער איז פון די וויינשטאקן וואס זענן געווען אין סדום: ומשדמות עמורה וגו'. פון די פעלדר פון עמורה (ולא ישימו לבם לתלות הגדולה בי) זיי טוהען ניט בעטראכטן אין זייער הארץ אז די גרויסקייט גיהער צו מיר: ענבמו ענבי רוש. זייערע טרויבן זענן ביטערע טרויבן (הוא שאמר) דס איז וואס הקב"ה האט געזאגט (לולי כעס אויב אגור על ישראל להרעילם ולהמרירם) ווען ניט דר כעס פון פיינד איז פארזאמעלט אויף די יודין זיי צו פארגיפטן און פארביטערן (לפיכך אשכלות מרורות למו) דריבר וועל איך צו זיי איך ברייגגן ביטערע טרויבן (להלעיט אותם על מה שעשו לבני) איך זאל זיי מאכן אנזופן מיט ביטערקייט ווייל זייא האבן אזוי געטאן צו מיינע קינדר: (לג) וחמת תנינים יינם. זייער וויין איז ווי גיפט פון שלאנגן (מוכן להשקותם על מה שעושין להם) דר וויין איז גרייט זיי צו געבן טרינקן ווייל זיי האבן אזו געטאן צו די יודין: (לד) וכמוס עמדי. (אותו הכוס) דר כוס וויין איז בעהאלטן מיט מיר (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (כי כוס ביד ה' וגו') דער כוס איז אין די האנט פון הקב"ה: (לה) ולעת תמוט רגלם. צו די צייט ווען זייער פוס וועט איינגעבויגן ווערן, זיי וועלן קיין בעשטאנד האבן (כענין שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (תרמסנה רגל) זייער פוס וועט צו טרעטען ווערען: (לו) כי ידין ה' עמו. זאגט רש"י (בלשון זה כי משמש כי ידין בלשון דהא) ביי דעם פסוק איז דר ווארט „כי" דער טייטש ווארום (ואין ידין לשון יסורים) און ידין איז ניט דערטייטש שטראפען מיט יסורים (אלא כמו כי יריב את ריבם מיד עושקיהם) נאר קריגן, ווי עס שטייט ער וועט קריגן זייער קריג, הקב"ה וועט זיך קריגען מיט דיא פעלקער וואס האבען גערויבט די יודין (כי יראה כי אזלת יד וגו') ווייל הקב"ה וועט זעהן עס איז אויסגעגאנגן דר כח פון דיא יודין: (לז) ואמר אי אלהימו. מיינט מען (האויב יאמר אי אלהימו של ישראל) דער פיינד וועט זאגן וואו איז דר גאט פון די יודין (כמו שאמר טיטוס הרשע כשגידר את הפרוכת) וויא דר רשע טיטוס הט געזאגט ווען ער האט געשטאכן דעם פרוכת (כענין שנאמר) ווי דר פסוק זאגט (ותרא אויבתי ותכסה בושה) מיין פיינדן האט גיזעהן און עס האט איר בדעקט שאנדע (האומרה אלי איו ה' אלהיך) וואס זיא האט געזאגט צו מיר וואו איז דיין גאט: (לט) ראו עתה כי אני וגו'. זעהט איצט אז איך בין דער זעלביגער גאט (אז יגלה הקב"ה ישועתו) דאמאלס וועט הקב"ה ווייזן זיין הילף (ויאמר) און ער וועט זאגן (ראו עתה כי אני אני הוא) זעהט איצט אז איך בין דר זעלביגער גאט (מאתי באת עליהם הרעה) פון מיר איז געקומען אויף זיי די שלעכטס (ומאתי תבוא עליהם הטובה) און פון מיר וועט קומען אויף זיי דס גוטע: ואין מידי מציל. פון מיין האנט קען מען ניט רעטטין (מי הוא שיציל אתכם מן הרעה אשר אביא עליכם) ווער איז דער מענטש וואס זאל קענן אייך רעטטין פון דיא שלעכטן וואס איך וועל אויף אייך ברייגגן: (מ) כי אשא אל שמים ידי. זאגט רש"י (כמו כי נשאתי) גלייך ווי עס וואלט געשטאנן נשאתי, איך האב אויפגעהויבען מיין האנט צום הימעל (תמיד אני משרה מקום שכינתי בשמים) דער ארט פון מיין רוהונג איז אייביג אין הימעל (כתרגומו) ווי דר תרגום שרייבט (אפילו חלש למעלה וגבור למטה) אפילו הויבן איז אשוואכער, און אונטן איז אשטארקער (אימת העליון על התחתון) הט דר אונטערשטן

## שפתי חכמים

דהיינו עמו: ד משמע דאין הפרש בין פירושו ובין פרש"י אלא נקרא כי גוי אובד עצות המה שרש"י פירש על העו"א ורבי יודא דורשו על ישראל אע"פ שהם מתחלפים בפירוש כי מגפן סדום גפנם שרש"י פירש שמעשיהם מעשה סדום ועמורה ורבי יודא דירש וכי מגפנם של סדום אתם או ממטע של עמורה והלא אתם ממטע קדוש מ"מ שניהם פוים שהוא כלפי ישראל אבל גבי אי אלהימו פרש"י פי' ואמר הקב"ה לישראל איה וכו' ורבי יודא דורש שיאמרו ישראל לעו"א י"ל שמה שכתב רש"י בדברי רבי יודא הם כפירושו ממש עד תכליתו תוך מגוי אובד עצות המה אינו אלא על פירוש ואמר שרש"י ורבי יודא סוברים שאין ואמר דברי העו"א כדעת רבי נחמיה שפירש ואמר האויב שהוא טיטוס וכיוצא בו אבל לא על אלהימו דאם כן מאי רבי יודא דורשו כלפי ישראל דקאמר הא כלפי העו"א דירשו אבל על כל פנים אין דברי רש"י ור' יודא שוים לגמרי שהרי רש"י פירש ואמר ישראל. רא"ם: ה פי' נתינת טעם הוא אלמעלה: ו פירוש לפירושו דר' נחמיה שפירש קרא דכי ידין וגו' כי יריב את ריבם ויהיה פי' כי מלשון דהא ופי' למה אמר לי נקם ושלם לעו"א מפני שיריב ריבם של ישראל מיד עושקיהם: ז דלפירוש רש"י יהיה פי' ראו שבידי להמית ולהחיות ולא כאותן עו"א שעבדתם אבל לפירוש רבי נחמיה שפירש אי אלהימו קאי ארשע שיאמר לישראל אי אלהימו וגו' איך יאמר ראו עתה והבינו שבידי להמית ולהחיות ולכן הוסיף אז יגלה ישועתו שפי' תחשף מתשבות האויב מה שהיתה טרם הגלות ישועתו: ח פירוש לעו"א: ט פי' לישראל: י כלומר ככר נשואה היא ידי בשמים פירוש שתמיד

## פירוש לתורת אלהים

רשעים גדענקט ער זיי זייערי זינד און די זינד פון זייערע עלטערן: (מד) ויבא משה איז משה גקומען

## אונקלוס

האלין עם כל ישראל :
מו ואמר להון שוו
לבכון לכל פתגמיא די
אנא מסהיד בכון יומא
דין די תפקדנון ית
בניכון למטר למעבד ית
כל פתגמי אוריתא הדא:
מז ארי לא פתגם ריקא
הוא מנכון ארי הוא
חייכון ובפתגמא הדין

הו"א שימו לבבכם לכל הדברים עקרים מ"ד פ"ת : ובדבר הזה תאריכו ימים ברכות כד:

אל־כל־ישראל : מו ויאמר אלהם
שימו לבבכם לכל־הדברים אשר
אנכי מעיד בכם היום אשר
תצום את־בניכם לשמר לעשות
את־כל־דברי התורה הזאת :
מז כי לא־דבר רק הוא מכם כי־
הוא חייכם ובדבר הזה תאריכו

### בעל הטורים

(מז) כי לא דבר רק הוא. תגין על הקו"ף לומר שאפילו על התגין של תורה תילי תילים של הלכות : רק. ב' במסורה והביר רק. ודין. לומר כמו שהבור רק ואינו מתמלא מחולייתו כן התורה לא יוכל אדם להתמלאות ממנה :

### רש"י

השפיל עלמו כאשר מתחלתו (ספרי) : (מו) שימו לבבכם. לריך אדם שיהיו עיניו ולבו ואזניו מכוונים לדברי תורה וכן הוא אומר (יחזקאל מ) בן אדם ראה בעיניך ובאזניך שמע ושים לבך וגו' הרי דברים ק"ו ומה תבנית הבית שהוא נראה לעינים ונמדד בקנה לריך אדם שיהיו עיניו ואזניו ולבו מכוונים להבין. דברי תורה שהן כהררין התלויין בשערה מ על אחת כמה וכמה : (מז) כי לא דבר רק הוא מכם. לא לחנם אתם יגעים בה כי הרבה שכר תלוי בה נ כי היא חייכם. ד"א אין לך דבר ריקן בתורה שאם תדרשנו שאין בו מתן שכר ם תדע לך שכן אמרו (בראשית לו) ואחות

### בית יהודא

גענוארן צו אים גרויסקייט פון דעסטוועגן (השפיל עצמו כאשר מתחלתו) האט ער זיך נידעריג געמאכט אזו ווי ער איז געווען פריער : (מו) (שימו לבבכם. זאגט רש"י (צריך אדם שיהיו עיניו ואזניו ולבו מכוונים לדברי תורה) אז איינר לערנט תורה דארף ער געבן זיינע אויגן און זיינע אויערן און זיין הארץ צו פארשטיין די תורה וואס ער לערנט (וכן הוא אומר) און אזוי האט הקב"ה געזאגט צום נביא יחזקאל (בן אדם ראה בעיניך ובאזניך שמע ושים לבך וגו') דו מענטשן זוהן זעה מיט דיינע אויגן און מיט דיינע אויערן זאלסטו הערן און טוה דיין הארץ צו די זאכן וואס איך וועל דיר ווייזען (והרי דברים קל וחומר) און דיא זאכן קענן מיר לערנען די שווערערע פון די גרינגערע (ומה תבנית הבית שהוא נראה לעינים ונמדד בקנה) מאדאך ווען הקב"ה האט געוואלט ווייזען צו יחזקאל ווי דער בית המקדש וועט זיין געמאכט דס איז דאך אזאך וואס מען קען זעהן מיט די אויגען און עס ווערט געמאסטן מיט אמאס, פון דעסטוועגן (צריך אדם שיהיו עיניו ואזניו ולבו מכוונים להבין) איז דער נביא יחזקאל געבאטן געווארן ער זאל געבען זיינע אויגן און זיינע אויערן און זיין הארץ גיט אכטונג צו געבן אוף דעם ריסונק (דברי תורה שהן כהררין התלויין בשערה) די רייד פון די תורה ודי דינים) זענען ווי בערג און זיי איינגן אויף אהאר פון דיא תורה, אויף איין אות. און אויף איין נקודה ופינטעלע ופון אאיבעריגן אות און אפילו פון אפינטעלע ווערט געלערנט דינים וואס זענען ווי בערג (על אחת כמה וכמה) איז געוויס אז דר מענטש דארף גוט אכטונג געבען צו פארשטיין וואס ער לערנט אין די תורה : (מז) (כי לא דבר רק הוא מכם). משה זאגט צו די יודין (לא לחנם אתם יגעים בה) ניט פר אומזיסט מאטערט איר אייך אין די תורה (כי הרבה שכר תלוי בה) ווארום פיל בעלוינונג וועט איר האבן פאר די תורת (כי היא חייכם) ווארום דיא תורה איז אייער לעבען (דבר אחר) נאך אפשט איז (אין לך דבר ריקן בתורה שאם תדרשנו שאין בה מתן שכר) עס איז ניטא אין די תורה אליידיגע זאך, אז מען וועט דיא זאך לערנען זאל מען פאר די זאך ניט געבן שכר, נאר פאר יעדר זאך וואס מען לערנט אין דיא תורה גיט הקב"ה שכר (תדע לך) איך וועל דיר ווייזען אז עס איז אזו (שכן אמרו) ווארום אזו האבן דיא חכמים געזאגט עס שטייט אין פסוק (ואחות לוטן תמנע) די

### שפתי חכמים

הושע ולא יהושע ומלת זחה פי' גבה לב וגם הרוח : מ פי' כי הרבה דברים יש בתורה שהן דקין כחוט השערה ונרמזין בכ"א הרבה דברים כהרים : נ פי' ומהו השכר ומפרש כי הוא חייכם וגו' : ס הולרך לפירוש ד"א כי לפי' ראשון קשה לא הל"ל רק שימו לבבכם וגו' את כל דברי

### פירוש לתורת אלהים

אלע רייד צו די אלע ישראל : (מו) ויאמר אליהם האט ער צו זיי געזאגט שימו טוט אייער הארץ צו די אלע רייד אשר אנכי וואס איך זאג צו אייך היינט אשר תצום את בניכם וואס איר זאלט זייא געבאטן צו אייערע קינדער לשמור לעשות את כל דברי התורה הזאת צו היטן צו טאן די אלע רייד פון די תורה : (מז) כי לא דבר רק ווארום עס איז ניט קיין לערע זאך פאר אייך ניט אום זיסט וועט איר זיך מיהען אין דער תורה ווארום פיל שכר הענגט אין איר כי הוא חייכם דען עס איז אייער לעבן אייער לעבן הענגט אין דיא

### משלי חכמים

(מז) כי הוא חייכם וגו'. די תורה איז אייער לעבן. וויא די גמרא דערציילט רבי עקיבא האט געזאגט צו פפוס בן יהודה איך וועל דיר זאגן אמשל אפוקס איז אמאל געגאנגען לעבן ברעג טייך האט ער געזעהן פיש לויפן פון איין ארט צום אנדערן ארט, האט דר פוקס געזאגט צו די פיש זאגט מיר וואס לויפט איר, האבען די פיש געזאגט ווייל מענטשן גייען אין וואסר מיט נעצין און ווילן אונז פאנגן, מוזין מיר אנטלויפן, האט דר פוקס געזאגט צו די פיש אוב איר

# יָמִים עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים אֶת־הַיַּרְדֵּן שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃ פ מפטיר מח וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה לֵאמֹר׃ מט עֲלֵה

## אונקלוס

תּוֹרְכוּן יוֹמִין עַל אַרְעָא דִּי אַתּוּן עָבְרִין יָת יַרְדְּנָא תַּמָּן לְמֵירְתַהּ׃ מח וּמַלִּיל יְיָ עִם מֹשֶׁה בִּכְרַן יוֹמָא הָדֵין לְמֵימָר׃ מט סַק

## בעל הטורים

(מח) וידבר ה' אל משה בעצם. י' דסמיכי כלא לאמר כנגד י' דברות:

## בית יהודא

שוועסטער פון לוטן איז געוועזן תמנע (ותמנע היתה פלגש) אונ תמנע איז געוועזן אפלגש צו אליפז דער זוהן פון עשו (לפי שאמרה איני כדאי להיות לו לאשה הלואי ואהיה פילגשו) ווייל תמנע הט געזאגט איך בין ניט ווערט צו זיין אווייב צו אליפז הלואי זאל איך זיין אפלגש צו אליפז, איז דאך אשאלה ואפראגע (וכל כך למה) צו וואס דערציילט דם די תורה, אונ ווי אזו וועט מען האבן שכר אז מען וועט לערנען דעם פסוק (להודיע שבחו של אברהם שהיו שלטונים ומלכים מתאוים להדבק בזרעו) צו מאכן וויסען די לויב פון אברהם שרים אונ מלכים האבן געגלוסט צו בהעפטען זיך מיט די קינדער פון אברהם ופון דעם וועט יעדער מענטש נעמען אמוסר ער זאל זיין פרום אונ זאל לערנען תורה אונ טאן מצות אונ מעשים טובים וועט ער האבען שכרו: (מח) וידבר ה' אל משה בעצם היום הזה. זאגט רש"י (בשלשה מקומות נאמר בעצם היום הזה) אין דריי ערטער שטייט אין דיא תורה בעצם היום הזה (נאמר בנח) ביי נח זאגט דער פסוק (בעצם היום הזה בא נח) אין מיטען טאג איז נח געקומען אין די תיבה (במראית אורו של יום) ביי די זעהונג פון די ליכטיגקייט פון טאג (לפי שהיו בני דורו אומרים בכך וכך) ווייל די מענטשען וואס זענען געוועזן אין זיין צייט האבען געזאגט אזוי אונ אזוי (אם אנו מרגישין בו) ווען מיר וועלן וויסען ווען נח וויל אריין גיין אין די תיבה (אין אנו מניחין אותו להכנס בתיבה) וועלן מיר אים ניט לאזען אריין גיין אין דיא תיבה (ולא עוד) נאך מער וועלן מיר טאן (אלא אנו נוטלין כשילין וקרדומות ומבקעין את התיבה) מיר וועלן נעמען האמערס אונ העק אונ מיר וועלן צוהאקען די תיבה (אמר הקב"ה) האט הקב"ה געזאגט (הריני מכניסו בחצי היום) איך וועל אים אריינברייגען אין די תיבה אין האלבן טאג (וכל מי שיש בידו כח למחות יבא וימחה) ווער עס האט כח צו שטערען ואיס ניט לאזען אריין גיין אין די תיבה זאל ער קומען שטערען וזאל ער קומען ניט לאזען (במצרים נאמר) ווען יודין זענען ארויסגעאנגען פון מצרים זאגט דער פסוק (בעצם היום הזה הוציא ה') אין מיטען דעם טאג האט הקב"ה ארויסגענומען יודין פון מצרים (לפי שהיו מצרים אומרים בכך

## רש"י

לוטן תמנע ע ותמנע היתה פלגש וגו' לפי שאמרה איני כדאי להיות לו לאשה הלואי ואהיה פילגשו וכל כך למה להודיע שבחו של אברהם שהיו שלטונים ומלכים מתאוים להדבק בזרעו: (מח) **וידבר ה' אל משה בעצם היום הזה.** בשלשה מקומות נאמר פ בעצם היום הזה נאמר בנח (שם ז) בעצם היום הזה בא נח וגו' במראית אורו של יום לפי שהיו בני דורו אומרים בכך וכך אם אנו מרגישין בו אין אנו מניחין אותו ליכנס בתיבה ולא עוד אלא אנו נוטלין כשילין וקרדומות ומבקעין את התיבה אמר הקב"ה הריני מכניסו בחצי היום וכל מי שיש בידו כח למחות יבא וימחה. במצרים נאמר (שמות יב) בעצם היום הזה הוציא ה' לפי

## שפתי חכמים

התורה הזאת כי הוא חייכם וגו' ולמה ל"ל כי לא דבר רק הוא מכם ל"פ ד"א וכו' ושני ענייניס הם וה"פ אין לך דבר ריקם בתורה פי' שיהא נכתב שלא לצורך ועוד שאם תדרשנו וכו' וה"פ אין לך דבר שבתורה שאם תדרשנו וכו' ולכן כתיב מכם לרמוז על מתן שכר שהוא עצמותו של אדם ותכלית הצלחתו ולפי ד"א קשה לנ"ל כי הוא חייכם הא כבר נתן הטעם לשימה הזאת א"כ ה"ל להפוך דה"ל לכתיב אחר דברי התורה הזאת כי הוא חייכם ואחר כך כי לא דבר רק וגו' ל"פ גם טעם ראשון: ע פי' מוה מביא ראיה שאין לך דבר בתורה שיהא נכתב בתנם שלא לצורך אבל אקיבול שכר אם תדרשנו אינו מביא ראיה מזה: פ וא"ת ולמה אינו מוגה בעלם היום הזה דנאמר גבי

## ליקוטי יוסף

(מח) בעצם היום הזה וגו'. דער **מדרש** שרייבט משה האט געזאגט פאר הקב"ה נאך אזוי פיל כבוד אונ אזוי פיל שטארקייט וואס מיינע אויגען האבען געזעהן זאל איך שטארבען? האט הקב"ה געזאגט צו משה מי גבר יחיה ולא יראה מות וועלכער מענטש לעבט אייביג אונ זעהט ניט דעם טויט, אברהם האט זיך געלאזט אריינווארפען אין פייער פון מיינעטוועגען, אונ איז געשטארבען, יצחק האט אויסגעצויגען זיין האלדז אויף דעם מזבח מיך זאל אים שעכטען פון מיינעטוועגען, אונ איז געשטארבען, יעקב האט זיך געשטארקט אויף דעם מלאך, אונ איז געשטארבען, אונ אפילו משה וואס האט גירעדט מיט הקב"ה פנים אל פנים אונ איז געשטארבען, זעהן מיר אלע מענטשען

## פירוש לתורת אלהים

תורה ובדבר הזה אונ דורך דער זאך וואס איר וועט מקיים זיין דיא תורה תאריכו ימים וועלען ווערען דער לייגערט אייערע טעג על הארץ אויף די ערד וואס איר פארט איבער דעם ירדן אהין צו ירשענען זיא: (מח) וידבר אונ נאט האט גערעט צו משה בעצם היום אין מיטען העלען טאג לאמר אזו צו זאגען [עיין רש"י]: (מט) עלה גיי אויף צו דעם בארג עברים הר נבו דאס

## משלי חכמים

איר ווילט קומט ארויס פון וואסער אויף דער טרוקעניש וועלען מיר וואגען צוזאמען אזוי ווי מיינע אלטערין האבען געוואוינט צוזאמען מיט דיינע אלטערין, האבען די פיש געזאגט צום פוקס דו ביזט דער וואס מען זאגט אויף דיר דו ביזט דער קלוגסטער פון אלע חיות, דו ביזט ניט דער קלוגסטער פון די חיות נאר דער נארישער פון אלע חיות, מאדאך אין וואסער וואס דארטען איז אונזער לעבען האבען מיר מורא, אויף דער טרוקעניש וואס דארטען שטארבען מיר איז געוויס אז מיר דארפען מורא האבען, דעם מוסר זאגען אונז די פיש. ווייא עס שטייט אין פרק שירה די פיש זאגען קול ה' על המים, די שטימע פון הקב"ה איז וועגען די וואסער, ווען דיא תורה וואס איז געגליכען צו וואסער, אזוי ווי מיר פיש טארין ניט ארויסגיין פון וואסער, ווייל דאס וואסער איז אונזער לעבען, טארין ניט די יודען אוועקגיין פון די תורה ווייל די תורה איז זייער לעבען, ווי משה רבינו האט געזאגט כי הוא חייכם, די תורה איז אייער לעבען:

אֶל־הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה הַר־נְבוֹ אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ מוֹאָב אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי יְרֵחוֹ וּרְאֵה אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לַאֲחֻזָּה:
נ וּמֻת בָּהָר אֲשֶׁר אַתָּה עֹלֶה שָׁמָּה וְהֵאָסֵף אֶל־עַמֶּיךָ כַּאֲשֶׁר־מֵת אַהֲרֹן אָחִיךָ בְּהֹר הָהָר וַיֵּאָסֶף

**אונקלוס**

לְטוּרָא דַעֲבָרָאֵי הָדֵין טוּרָא דִנְבוֹ דִּי בְּאַרְעָא דְמוֹאָב דִּי עַל אַפֵּי יְרֵחוֹ וַחֲזִי יָת אַרְעָא דִכְנַעַן דִּי אֲנָא יָהֵב לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְאַחְסָנָא: נ וּמוּת בְּטוּרָא דִּי אַתְּ סָלֵק לְתַמָּן וְאִתְכְּנֵשׁ לְעַמָּךְ כְּמָא דְמִית אַהֲרֹן אֲחוּךְ בְּהוֹר

**בעל הטורים**

(נ) כאשר מת אהרן. בגימטריא הן בנשיקה מת אהרן:

**רש"י**

שהיו מצרים אומרים בכך וכך אם אנו מרגישין בהם אין אנו מניחים אותם לצאת ולא עוד אלא אנו נוטלין סייפות וכלי זיין והורגין בהם אמר הקב"ה הריני מוציאן בחצי היום וכל מי שיש בו כח למחות יבא וימחה אף כאן במיתתו של משה נאמר בעצם היום הזה לפי שהיו ישראל אומרים בכך וכך אם אנו מרגישין בו אין אנו מניחין אותו אדם שהוציאנו ממצרים וקרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו והעלה לנו את הבאר ונתן לנו את התורה אין אנו מניחין אותו אמר הקב"ה הריני מכניסו בחצי היום וכו': (נ) כאשר מת אהרן אחיך. באותה מיתה שראית והמדת צ אותה שהפשיט משה את אהרן בגד ראשון והלבישו

**בית יהודא**

(וְכָךְ) ווייל די מצרים האבן געזאגט אזו אונ אזו (אם אנו מרגישין בהם) אויב מיר וועלן וויסען ווען די יודין וועלען ארויסגיין פון מצרים (אין אנו מניחין אותם לצאת) וועלן מיר זיי ניט לאזען ארויסגיין (ולא עוד) נאך וועלן מיר טאן (אלא אנו נוטלין סייפות וכלי זיין והורגין בהם) מיר וועלן נעמען שווערדן אונ נאך אנדערע געווער אונ מיר וועלן מיט זיי הרגענן די יודין (אמר הקב"ה) האט הקב"ה געזאגט (הריני מוציאן בחצי היום) איך וועל זיי ארויספירן פון מצרים אין האלבן טאג (וכל מי שיש בו כח למחות יבא וימחה) וועמער עס האט כח צו שטערן אונ ניט לאזען די יודין ארויסגיין פון מצרים, זאל ער קומען אונ שטערן, אונ ניט לאזען (אף כאן במיתתו של משה) אזוי דא ווען משה האט געדארפט שטארבן (נאמר בעצם היום הזה) זאגט דר פסוק משה איז ארויפגעגאנגען אויף דעם בארג אין מיטן דעם טאג (לפי שהיו ישראל אומרים בכך וכך) ווייל די יודין האבען געזאגט אזו אונ אזו (אם אנו מרגישין בו) ווען מיר וועלן וויסן ווען משה וויל ארויפגיין אויף דעם בארג (אין אנו מניחין אותו) וועלען מיר אים ניט לאזען ארויפגיין אויף דעם בארג (אדם שהוציאנו ממצרים) דר מענטש וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים (וקרע לנו את הים) אונ האט פון אונזערטוועגן געשפאלטען דעם ים (והוריד לנו את המן) אונ ער האט צוא אונז אראפגענידערט פון הימל דעם מן (והגיז לנו את השליו) אונ ער האט צו אונז געמאכט פליהען דעם שלו (והעלה לנו את הבאר) אונ ער האט צו אונז אויפגעברענגט דעם ברונען ודעם שטיין וואס האט גיגעבען וואסר (ונתן לנו את התורה) אונ ער האט צו אונז גיגעבן די תורה (אין אנו מניחין אותו) מיר וועלן אים ניט לאזן ארויפגיין אויף דעם בארג שטארבען (אמר הקב"ה) האט הקב"ה געזאגט (הריני מכניסו בחצי היום) איך וועל אים ברענגן אויף דעם בארג האלבן טאג, אונ וועער עס וועט קענען ניט לאזען זאל ער ניט לאזען: (נ) (כַּאֲשֶׁר מֵת אַהֲרֹן אָחִיךָ), וויא דיין ברודער אהרן איז געשטארבן (באותה מיתה שראית וחמדת אותה) דו ווערסט שטארבן מיט דעם זעלבינן טויט וואס דו האסט גיזעהן ביי דיין ברודער אהרן אונ דו האסט געגלוסט אזו צו שטארבן (שהפשיט משה את אהרן בגד ראשון והלבישו לאלעזר) משה האט אראפגענומען פון אהרן דאס אויבערשטע

**שפתי חכמים**

אברהם דכתיב בעצם היום הזה נימול אברהם ופירש"י ביום ולא בלילה ולא נתירא וכו'. ויל דהא דכתיב גבי אברהם בעצם היום הזה היכא לנומר כמו שפירש"י דאתא לאשמועינן דביום שנצטווה נימול לכן לא נקט רש"י אלא ג' מקומות: צ דאם לא כן כאשר מת אהרן

**פירוש להורת אלהים**

איז דער בארג נבו אשר בארץ מואב וואס איז אין דעם לאנד מואב אשר וואס דער בארג איז פאר די שטאט ירחו וראה אונ זעה דם לאנד כנען אשר וואס איך גיב צו די קינדר ישראל לאחוזה צו איין ארב: (נ) ומת אונ דו זאלסט שטארבין אויף דעם בארג וואס דו גייסט דארטן ארויף והאסף אונ דו זאלסט פארזאמולט ווערין צו דיין פאלק דו זאלסט שטארבין כאשר

**ליקוטי יוסף**

מוזן שטארבן, נאר אלע מענטשען אידער זיא גייען אין קבר ווערט טונקיל זייערע אויגן אונ זעהן ניט, אונ ביי משה זענען די אויגן ניט טונקיל געווארן, אלע מענטשן ווען זיי שטארבען ליגן זיי אויף אבעט וואס מענטשען האבען געמאכט, אונ מען לייגט זיי אריין אין אקאסטן וואס מענטשן האבען געמאכט, אונ מען טוהט זיי אן תכריכין וואס מענטשן האבען געמאכט, אבער ביי משה איז געווען דיא בעט וואס ער איז אויף איר געשטארבן אונ דר קאסטין אונ די תכריכין, אלע דריא זאכען האבן די הימלען געמאכט, אלע מענטשען ווען זייא שטארבען באשעפטיגען זיך מיט זייא זייערע פריינד, ביי משה האט זיך באשעפטיגט הקב"ה מיט דיא מלאכים:

(נ) ומות בהר וגו'. דר מדרש שרייבט ווען הקב"ה האט גוזר געווען אויף משה ער זאל שטארבען, האט משה געזאגט פר הקב"ה רבונו של עולם דו ווייסט דאך מיין מאטערניש אונ מיין צער וואס איך האב געהאט פון דיא יודען ביז איך האב זייא געמאכט זייא זאלן אין דיר גלויבען, אונ ביז איך האב געקענט אין זייער הארצן דיא ליבשאפט צו דיר, אונ זייא זאלען היטען

דיין

אל־עמיו: נא על אשר מעלתם
בי בתוך בני ישראל במי־מריבת
קדש מדבר־צן על אשר לא־
קדשתם אותי בתוך בני ישראל:
נב כי מנגד תראה את־הארץ

## אונקלוס

טורא ואתכניש לעמה:
נא על די שקרתון
במימרי בגו בני ישראל
במי מצות רקם מדברא
דצן על די לא קדשתון
יתי בגו בני ישראל:
נב ארי מקבל תחזי ית

## בית יהודא

קליד אונ הט אנגעטאהן דאס קליד צו אלעזר (וכן שני וכן שלישי) אונ אזו דם צווייטע קליד אונ אזו דם דריטע קליד (וראה בנו בכבודו) אונ אהרן הט געזעהן ווי זיין זוהן אלעזר ירשת זיין כבוד (אמר לו משה אהרן אחי) משה הט גזאגט צו אהרן, אהרן מיין ברודער (עלה למטה) גיי ארויף אויף דעם בעט (ועלה) איז ער ארויפגעגאנגען (פשוט ידיך) ציה־אוים דיינע הענט (ופשט) הט ער אויסגעצויגן (פשוט רגליך) ציה־אוים דיינע פיס (ופשט) הט ער אויסגעצויגען (עצום עיניך) פארמאך דיינע אויגען (ועצם) הט ער פרמאכט (קמוץ פיך) פארמאך דיין מויל (וקמץ) הט ער פארמאכט (והלך לו) אונ משה איז אוועקגעגאנגען (אמר משה) הט משה געזאגט (אשרי מי שמת במיתה זו) וואהל דעם מענטש וום שטארבט מיט אזו אטויט: (נא) (על אשר מעלתם בי). מיינט מען (גרמתם למעול בי) איר הט געמאכט דיא יודין זאלען זינדיגען צו מיר: ועל אשר לא קדשתם אותי. מיינט מען (גרמתם לי שלא אתקדש) איר האט געמאכט איך זאל ניט געהייליגט ווערען ביי די יודין (אמרתי לכם) איך האב גזאגט צו אייך (ודברתם אל הסלע) איר זאלט רייען וצום שטיין (ואתם הכוהו) אונ איר הט אים געשלאגען (והוצרכו להכותו פעמים) אונ איר הט אים גענדארפט שלאגען צוויי מאהל (ואלו דברו עמו ונתן מימיו בלא הכאה) ווען זיי וואלטן גירעט צום שטיין אונ ער וואלט געבען וואסער אן שלאגען (היה מתקדש שם שמים) וואלט געהייליגט געווארן דער נאמן פון הקב"ה (שהיו ישראל אומרים) די יודין וואלטען זאגען (ומה הסלע הזה שאינו לשכר ולא לפורענות) מאראך דער שטיין וום ער האט קיין בעלוינונג אונ קיין שטראף (אם זכה אין לו מתן שכר) אויב ער איז זוכה, ער טוהט וואס הקב"ה הט אים געבאטען הט ער קיין שכר, קיין בעלויגונג (ואם חטא אינו לוקה) אונ אויב ער זינדיגט ווערט ער ניט געשטראפט, פון דעסטוועגען (כך מקיים מצות בוראו) טוהט ער געשווינט וום הקב"ה הט צו אים געבאטען (אנו לא כל שכן) דארפען מיר געווים טאהן וום הקב"ה האט געבאטען: (נב) (כי מנגד). מיינט מען מרחוק, פון ווייטען: (תראה). וועסטו זעהן דיא לאנד (כי אם לא תראנה עכשיו) ווארום אויב דו וועסט איצט ניט זעהן דיא לאנד (לא תראנה עוד בחייך) וועסטו זיא ניט מעהר זעהן ביי דיין לעבן: (ושמה

## רש"י

לאלעזר וכן שני וכן שלישי וראה בנו בכבודו א"ל משה אהרן אחי עלה למטה ועלה פשוט ידיך ופשט פשוט רגליך ופשט עצום עיניך ועצם קמוץ פיך וקמץ והלך לו אמר משה אשרי מי שמת במיתה זו: (נא) על אשר מעלתם בי. ק גרמתם למעול בי: על אשר לא קדשתם אותי. גרמתם לי שלא אתקדש אמרתי לכם (במדבר כ) ודברתם אל הסלע והם הכוהו והוצרכו להכותו פעמים ואילו דברו עמו ונתן מימיו בלא הכאה היה מתקדש שם שמים שהיו ישראל אומרים ומה הסלע הזה שאינו לשכר ולא לפורענות אם זכה אין לו מתן שכר ואם חטא אינו לוקה כך מקיים מצות בוראו אנו לא כל שכן: (נב) כי מנגד. ר מרחוק: תראה וגו'. כי אם ש לא תראנה עכשיו לא תראנה עוד בחייך: ושמה לא תבוא.

## שפתי חכמים

אחיך ל"ל והלא לא הוא לבדו מת: ק ה"ג על אשר מעלתם בי גרמתם למעול כי וכן הוא בספרים מדוייקים ופי' אתם גרמתם למה שיהיו ממרים את פי ה' וכו' לא שמשה ואהרן מעלו אלא שגרמו לישראל למעול בהקב"ה: ר לאפוקי שלא תפרש כמו נגד ההר שפי' במזרחו של הר דא"כ מאי ב"מ למשה אם יראה הארץ מלד מזרח או מצד רוחות: ש רל"ל ושמה לא תבא ל"ל דבודאי אם לא רשאי כ"א לראות מרחוק בודאי לא יבא ל"פ כי אם כו' כלומר אדלעיל קאי אמה דכתיב עלה אל הר העברים וגומר ולמה כי שמה לא תבא ואם כן אם לא תראנה עכשיו אימתי. וא"ת איני מיישב לזה. לכן פירש וידעתי וכו': חסלת פרשת האזינו

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(נב) כי מנגד תראה את הארץ ושמה לא תבוא. שני דברים שאלת אעברה נא ואראה אעברה לא ינתן לך אראה ינתן לך שלא אשיב פניך ריקם מן הכל:

## ליקוטי יוסף

דיין תורה אונ מצות, האב איך געהיטעט אזו וויא איך האב געזעהן זייערע צרות, אזו וועל איך זעהן זייער גוטס, אונ איצט אז עס איז געקומען די צייט פון זייער גוטס זאגסטו צו מיר איך זאל ניט אריבערגיין דעם ירדן, נאר איך זאל שטארבן אויף די זייט ירדן. ווילסטו מאכן די תורה פאלש, דו האסט געשריבן אין דיין תורה, מען זאל באצאלן דעם ארבעטער זיין ארבעט געלט אין דעם זעלבען טאג איידער די זונן גייט אונטער, פאר וואס באצאלסטו מיר ניט מיין ארבעט געלט, וואס איך האב געארבעט פערציג יאהר אין דער מדבר, איידער מיין זונן גייט אונטער, איידער איך וועל שטארבען, האט הקב"ה געענטפערט אריבער גיין דעם ירדן קענסטו ניט, ווייל דו מיט דיין ברודער אהרן האבט געזינדיגט וואס איר האט ניט געהייליגט מיין נאמען ווען דו האסט געשלאגען דעם שטיין אונ ניט גירעט צוא אים, נאר פון ווייטן וועסטו זעהן דיא לאנד:

## פירוש לתורת אלהים

אזו ווי דיין ברודער אהרן איז געשטארבען בהור ההר אויף דעם בארג הור ההר ויאסף אונ ער איז פארזאמעלט געווארען צו זיין פאלק [עיין רש"י]: (נא) על אשר ווייל איר הט גמאכט פעלשען אין מיר די קינדער ישראל במי מיט דעם וואסער פון דער קריג פון קדש אין דער מדבר צן על ווייל איר האט גורם געוועזן מיין נאמען זאל ניט געהייליגט ווערען צווישען דיא ישראל: (נב) כי ווארום נאר פון דער ווייטען וועסטו זעהן דאס לאנד ושמה

אונ

ארעא ולתמן לא תיעול לארעא די אנא יהיב לבני ישראל: פ פ פ

ושמה לא תבוא אל־הארץ אשר־אני נתן לבני ישראל: פ פ פ

**רש"י**

וידעתי כי חביבה היא לך על כן אני אומר לך עלה וראה:

חסלת פרשת האזינו

נ"ב פסוקים כל"ב סימן:

**בית יהודא**

לא תבוא. אין די לאנד וועסטו ניט קומען (כי ידעתי כי חביבה היא לך) ווייל איך ווייס די לאנד איז ביי דיר ליב (על כן אני אומר לך עלה וראה) דריבער זאג איך דיר גיי ארויף אויף דעם בארג און זעה די לאנד:

**פירוש להורת אלהים**

און אהין וועסטו ניט קומען אל הארץ צו דעם לאנד וואס איך גיב צו די קינדער ישראל [סיין רפ"ו]:

## הפטרת האזינו (בשמואל ב סימן כב)

כשקורין האזינו בין ר"ה ליוה"כ אז מפטירין שובה ישראל. אבל כשקורין האזינו בין יוה"כ לסוכות אז מפטירין וידבר דוד:

וידבר דוד ליהוה את־דברי השירה הזאת ביום הציל יהוה אתו מכף כל־איביו ומכף שאול: ויאמר יהוה סלעי ומצדתי ומפלטי־לי: אלהי צורי אחסה־בו מגני וקרן ישעי משגבי ומנוסי משעי מחמס תשעני: מהלל אקרא יהוה ומאיבי אושע: כי אפפני משברי־מות נחלי בליעל יבעתני: חבלי שאול סבני קדמני מקשי־מות: בצר־לי אקרא יהוה ואל־אלהי אקרא וישמע מהיכלו קולי ושועתי באזניו: ותגעש ויתגעש קרי ותרעש הארץ מוסדות השמים ירגזו ויתגעשו כי־חרה לו: עלה

**פירוש ע"ט**

וידבר דוד ליי' און דוד האט גערעט צו גאט די רייד פון די שירה אין דעם טאג ווס גאט הט אים מציל געוועזן פון דר האנט פון אלע זיינע פיינט און אויך פון דר האנט פון שאול: ויאמר און ער האט געזאגט יי' סלעי גאט איז מיין שטיין און מיין פעסטונג און מיין אנטרינער ער מאכט מיך אנטלויפן פון מיינע פיינד: אלהי צורי גאט איז מיין שטיין ווס איך טוה מיך בעשיצען אונטער אים אזו ווי א שטיין איז א בעשיצונג צו די מענטשן וואס גייען אין וועג פון רעגין און פון ווינטען, ער איז מיין פאנציר און ער איז מיין שטארקע הילף מיין שטארקער און מיין אונטערלענער און מיין אנטלויפער ווס איך אנטלויף צו אים ער זאל מיר העלפען, מושיעי ער איז מיין העלפער, פון דיא רויבער טוהסטו מיר העלפען: מהולל ווען איך רוף צו הקב"ה ער זאל מיר העלפן, לוב איך אים שון פר די הילף ווייל איך בין זיכער אז איך וועל ווערין גיהאלפען פון מיינע פיינד: כי אפפוני ווען עס האט מיך ארומגערינגעלט די ברעכעניש פון דעם טוט, ווען שלעכטע מענטשען ווס זענען גיוועזן אזו פיל וויא טייכן האבן מיך איבערגעשראקין: חבלי שאול די שמערצין פון גרוב [פון שטארבען] האבען מיך ארומגענומען, ווען די שטרויכלונגן פון טוט זענען מיר פארגעקומען, בצר לי ווען עס איז מיר אייננ גיוועזן האב איך גערופן צו הקב"ה הט ער גיהערט פון זיין פאלאץ, פון הימעל, מיין געשריי איז

**ליקוטי יהודא**

עלה עשן באפו ואש מפיו תאכל וגו'. דר מדרש התנחומא שרייבט ולמה באש, פר וואס האט הקב"ה זיי געשטראפט מיט פייער, נאר דר מענטש וואס איז גרוים ביי זיך שטראפט אים הקב"ה מיט פייער, ווי עס שטייט אין פסוק היא העולה על מוקדה, ווער עס גייט־אויף, ער איז גרויס ביי זיך וועט ער זיין אויף דעם פייער. דר דור המבול ווייל זייא האבן געזאגט מה שדי כי נעבדנו, וואס איז הקב"ה מיר זאלען אים דינען, זענען זיי געשטראפט געווארן מיט פייער, וויא עס שטייט אין פסוק ויתרם אכלה אש, די געבליבענע האט פארברענט דער פייער, אויף סדום האט הקב"ה געמאכט רעגענען מיט פייער, פרעה הט געזאגט מי ה', ווער איז הקב"ה, האט הקב"ה אויף אים געמאכט רעגענען אהאגיל מיט פייער, סנחריב הט געזאגט איך בין אופגעגאנגען אויף די העכסטע היך הט איך זיינע תיל געקומען אפייער, נבוכדנצר האט געזאגט איך וועל אויפגיין צו דיא וואלקן און וועל זיין גליך צו הקב"ה און ער האט געזאגט צו חנניה מישאל און עזריה ווער איז דער גאט וואס וועט אייך קענן רעטטן פון מיין האנט, זיין שטוב, דעם בית המקדש האב איך פארברענט. ווען איך בין געווען אין זיין שטוב האט ער מיר קיין שלעכטס געקענט טאן, וועט ער מיר קענען שלעכטס טאן ווען איך בין אין מיין שטוב? האט ער געהייסען מען זאל אריין ווארפן אין פייער די דריי מענטשן חנניה מישאל און עזריה, וואס האט הקב"ה געטאן ער האט געזאגט אין קאלבי־היבין זאל ווערין אנאס, דיא דריי מענטשן ווס האבן געדארפט פארברענט ווערין זענן ניט פארברענט געווארן, און דיא מענטשן וואס האבען ניט געדארפט פארברענט ווערין איז ארויסגעגאנגען אפייער פון הויבין און האט זייא פארברענט, נבוכדנצר איז אויך אביסעל פארברענט געווארן, נאר ניט אין גאנצען, הקב"ה האט געזאגט מען זאל פון אים לאזין אזו פיל ער זאל קענען וויסען געגען ווערבן ער האט גירעט אזעלכע רייד, די מלוכה פון עשו וועט אויך געשטראפט ווערן מיט פייער, סיסרא איז אויך געשטראפט געווארן מיט פייער, און דוד ווייל ער איז ביי זיך געווען נידעריג זענען זיינע פיינד געשטראפט געווארען מיט פייער, און יודען ווייל זייא זענען געווען אין גלות נידעריג און פארשטעמט וועלען זייא געשטרייכט ווערען מיט פייער, ווי עס שטייט אין פסוק הקב"ה האט געזאגט איך וועל זיין צו די יודען אפייערדיגער מויער ארום זייא:

עלה עשן באפו ואש מפיו תאכל גחלים בערו ממנו: ויט שמים וירד וערפל תחת רגליו: וירכב על כרוב ויעף וירא על כנפי רוח: וישת חשך סביבתיו סכות חשרת מים עבי שחקים: מנגה נגדו בערו גחלי אש: ירעם מן שמים יהוה ועליון יתן קולו: וישלח חצים ויפיצם ברק ויהמם ויהם קרי ויראו אפקי ים יגלו מסדות תבל בגערת יהוה מנשמת רוח אפו: ישלח ממרום יקחני ימשני ממים רבים: יצילני מאיבי עז משנאי כי אמצו ממני: יקדמני ביום אידי ויהי יהוה משען לי: ויצא למרחב אתי יחלצני כי חפץ בי: יגמלני יהוה כצדקתי כבר ידי ישיב לי: כי שמרתי דרכי יהוה ולא רשעתי מאלהי: כי כל משפטו משפטיו קרי לנגדי וחקתיו לא אסור ממנה: ואהיה תמים לו ואשתמרה מעוני: וישב יהוה לי כצדקתי כברי לנגד עיניו: עם חסיד תתחסד עם גבור תמים תתמם: עם נבר תתבר ועם עקש תתפל: ואת עם עני תושיע ועיניך על רמים תשפיל: כי אתה נירי יהוה ויהוה יגיה חשכי: כי בכה ארוץ גדוד באלהי אדלג שור: האל תמים דרכו אמרת יהוה צרופה מגן הוא לכל החסים בו: כי מי אל מבלעדי יהוה ומי צור מבלעדי אלהינו:

## פירוש ע"ט

געקומען אין זיינע אוערין: ויתגעש און די ערד הט געשטורעמט און געציטערט, די פונדאמענטן פון די הימלען האבן געציטערט און געשטורעמט וויל זיין כעס האט געברענט: עלה עשן עס איז אופגעגאנגען אוף מיינע פיינד אזו וויא א רויך פון זיינע נאז לעבער. ואש און אפייער הט געברענט פון זיין מויל. גחלים קולען האבן גיברענט פון אים: ויט שמים ער הט איינגעבויגען דעם הימעל און הט געניזערט צו שטראפען זיינע פיינד, איין נעפיל איז גיוועזן אונטער זיינע פיס: וירכב ער הט געריטען אוף אמלאך וואס הייסט כרוב און איז געפלויגען, און ער איז גזעהן גיווארן אוף די פליגול פון ווינט: וישת און ער הט גימאכן דס פינצטערניש ארום זיך עס זאל זיין צו אים אבעדעקונג וויא אביידיל, און אפלייצונג וואסער איז גיוועזן פון דיא וואלקין וואס אונטער די הימלן: מנוגה נגדו פון די ליכטיגקייט וואס אקעגין אים האבן געברענט פייערדיגע קולין: ירעם הקב"ה הט גימאכן שטורעמען פון הימעל און האט גיגעבען זיין שטיממע: וישלח ער האט געשיקט פיילין און הט זיי פארשפרייט, ער האט געשיקט אבליץ און הט זייא פארטומולט: ויראו דיא קוואלין פון ים זענען גיזעהן גיווארען און דיא פונדאמענטין פון די ערד זענען גיזעהן גיווארן, דס איז גיוועזן וועגן דאס געשריי פון הקב"ה, פון דעם שטארקין בלאז וואס דער ווינט פון זיין צארען האט אוף זיי גיבלאזען: ישלח ממרום יקחני הקב"ה האט געשיקט אמלאך פון הימעל און ער האט מיך צוגענומען פון שאול. ימשני ער הט מיך ארויסגעצויגן פון פיל וואסערין: יצילני ער האט מיך גירעטעט פון מיינע פיינד וואס זענען גיוועזן שטארקער פון מיר: יקדמוני מיינע פיינד זענען געקומען צו מיר אין דעם שלעכטין טאג, אבער הקב"ה איז גיוועזן איין אונטער לעהנר צו מיר ויצא און ער האט מיך אוס גצוגן אוף איין דר ברייטניש און ער הט מיך גירעטעט ווארום ער האט גיוואלט אין מיר: זאגט דוד יגמלני יי גאט זאל מיר בצאלען אזוי וויא מיין גרעכטיקייט אזו ווי דם לוטערקייט פון מיינע הענט זאל ער מיר אום קערן צו בצאלן כי שמרתי דען איך האב גיהיטן די וועגן וואס איז רעכט פאר גאט און איך האב ניט גשולדיגט פר גאט כי כל משפטיו דען אלע זיינע משפטים זענן תמיד אנטקעגין מיר און זיינע גזעץ האב איך ניט אפ גיטאהן פון איר ואהיה איך בין גיוועזן גאנץ צו אים און איך האב גהיטען איך זאל ניט זינדיגען וישב יי לי הט מיר גאט אום גיקערט אזו וויא מיין גירעכטיקייט אזו וויא מיין לוטערקייט איז אקעגען זייני אוגען עם חסיד מיט אחסיד טוסטו חסד: עם נבר מיט דעם מענטש וואס איז קלאר און ריין פון עבירות בענויינטו צו אים דיינע קלארע און ריינע חסדים ועם עקש און מיט דעם פר קרימטן טוסטו פאר קרימן ואת עם עני און דאס ארום פאלק וועסטו העלפען און דיינע אוגין טוסטו אוף די וואס האלטן זיך גרוס דו זאלסט זייא דערנידערין: כי אתה דען דו גאט ביסט מיין ליכט טוהסט דער לייכטען מיין פינצטערניש כי בכה דען דורך דיין בטחון לוף איך צום חיל פון דעם שונא באלהי דורך די הילף פון גאט טוא איך שפרינגן אוף די טויערען פון מיינע פיינט און איך נעם זיי איין: האל גאט זיין וועג איז גאנץ אמרת דיא זאג פון גאט איז לוטר ער איז מקיים וואס ער איז מבטיח ער איז איין פאנצר צו אלע וואס בשיצן זיך אין אים: כי מי אל דען ווער איז איין גאט חוץ דער גאט פון ישראל און ווער איז אבשעפער אדער איין שטארקר חוץ אונזער גאט: האל מעוזי חיל דער גאט האט מיך גיטאהן שטארקען מיט כח און ער האט גימאכט

הָאֵל מָעוּזִּי חָיִל וַיַּתֵּר תָּמִים דַּרְכּוֹ דרכי קרי: מְשַׁוֶּה רַגְלָיו רגלי קרי כָּאַיָּלוֹת וְעַל־בָּמֹתַי
יַעֲמִידֵנִי: מְלַמֵּד יָדַי לַמִּלְחָמָה וְנִחַת קֶשֶׁת־נְחוּשָׁה זְרֹעֹתָי: וַתִּתֶּן־לִי מָגֵן יִשְׁעֶךָ וַעֲנֹתְךָ
תַּרְבֵּנִי: תַּרְחִיב צַעֲדִי תַּחְתֵּנִי וְלֹא מָעֲדוּ קַרְסֻלָּי: אֶרְדְּפָה אֹיְבַי וָאַשְׁמִידֵם וְלֹא אָשׁוּב
עַד־כַּלּוֹתָם: וָאֲכַלֵּם וָאֶמְחָצֵם וְלֹא יְקוּמוּן וַיִּפְּלוּ תַּחַת רַגְלָי: וַתַּזְרֵנִי חַיִל לַמִּלְחָמָה
תַּכְרִיעַ קָמַי תַּחְתֵּנִי: וְאֹיְבַי תַּתָּה לִּי עֹרֶף מְשַׂנְאַי וָאַצְמִיתֵם: יִשְׁעוּ וְאֵין מוֹשִׁיעַ אֶל־
יְהוָה וְלֹא עָנָם: וְאֶשְׁחָקֵם כַּעֲפַר־אָרֶץ כְּטִיט־חוּצוֹת אֲדִקֵּם אֶרְקָעֵם: וַתְּפַלְּטֵנִי
מֵרִיבֵי עַמִּי תִּשְׁמְרֵנִי לְרֹאשׁ גּוֹיִם עַם לֹא־יָדַעְתִּי יַעַבְדֻנִי: בְּנֵי נֵכָר יִתְכַּחֲשׁוּ־לִי לִשְׁמוֹעַ
אֹזֶן יִשָּׁמְעוּ לִי: בְּנֵי נֵכָר יִבֹּלוּ וְיַחְגְּרוּ מִמִּסְגְּרוֹתָם: חַי־יְהוָה וּבָרוּךְ צוּרִי וְיָרֻם אֱלֹהֵי
צוּר יִשְׁעִי: הָאֵל הַנֹּתֵן נְקָמֹת לִי וּמוֹרִיד עַמִּים תַּחְתֵּנִי: וּמוֹצִיאִי מֵאֹיְבָי וּמִקָּמַי תְּרוֹמְמֵנִי
מֵאִישׁ חֲמָסִים תַּצִּילֵנִי: עַל־כֵּן אוֹדְךָ יְהוָה בַּגּוֹיִם וּלְשִׁמְךָ אֲזַמֵּר: מִגְדִּיל מגדול קרי
יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה־חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד־עוֹלָם:

פירוש ע״ט

או עק שפרינגן זאלע שטרוכלונג ביז עס איז גבליבן נאך מיין וועג: משוה רגלי ער האט גיטאהן גרינג מיינע פיס אזו ווי די אינדן אונ אוף מיין שטארקייט טוט ער מיך שטעלין: מלמד ידי ער טוט לערנען מיינע הענט מלחמה צו האלטען אונ עס ווערט גטרעטן דר קופערנר בוגן דורך מיינע ארום ותתן לי אונ דו האסט מיר גגעבן דיין הילף וואס איז צו מיר גוועזן גליך ווי איין פאנצר אונ מיט דיין מדה פון ענוה תרבני האסטו מיך גגרייסט דו האסט דיך נוהג גוועזן מיט מיר מיט פיל ענוה תרחיב דו האסט דר בריטערט מיינע טריט אונטער מיר איך זאל ניט פאלען אונ זיי האבן זיך ניט אום גיגליטשט מיינע טריט: ארדפה איך האב נאך גיאגט מיינע פיינט אונ איך האב זיי פר טיליגט אונ איך האב מיך ניט אום גקערט ביז איך האב זיי פאר לענט ואכלם אונ איך טוא זיי פר לענדן אונ איך טוא זיי וואונדן אונ זיי קענן ניט אוף שטיין אונ זיי פאלען אונטר מייני פיס ותזרני אונ דו טוסט מיך אן גורטן מיט כח צו מלחמה האלטען דו טוסט מאכן קניען מיינע פיינט אונטער מיר ואויבי אונ מיינע פיינט האסטו גגעבן צו מיר מיט דעם אקין דו מאכסט זיי זאלן אנטלופן פר מיר מייני פיינט טוא איך פר שניידן ישעו זיי טוען זיך קערן צו זייערי אפ געטר אבער עס קען זיי קיינער פון זיי ניט העלפען נאך דעם קערען זיי זיך צו גאט וויל ער זיי ניט ענטפרן ואשחקם אונ איך טו זיי צו מאלן אזו ווי דעם שטוב פון דער ערד אזו ווי דאס ליים פון די גאסען טוא איך זיי דינן דין מאכן אונ טוא זיי טרעטען ותפלטני אונ דו האסט מיך גמאכט אנטרינן פון די קריגערס פון מיין פאלק דס איז דואג אונ אחיתופל אונ שאול אונ די זיפים תשמרני דו האסט מיך גהיטן דאס איך זאל זיין איין ראש איבר די פעלקר עם לא ידעתי דם פאלק וואס איך ווייס עס ניט די טוען מיך דינן דר מדרש שרייבט דוד הט גבעטן גאט אונ הט גזאגט תשמרני לראש גוים דו זאלסט מיך מאכן איך זאל זיין איין ראש צו די הארן ארום ארץ ישראל דם פאלק וואס איך ווייס זייא ניט זאלען מיך דינען בני נכר די פרעמדע פעלקער זאלן לייקנען אונ זאלן זאגן פר מיר ליגינט מחמת מורא לשמוע אוזן צו דעם הערונג פון דעם אויער זאלן זיי הערן צו מיר אפילו אונטר מיינע אויגן זאלן זיי מורא האבן פר מיר ווען זייא וועלען נאר הערען מיין גבאט בני נכר די פרעמדע פעלקער ארום ארץ ישראל יבולו זאלן מיד ווערען אונ זאלן הינקעדיג ווערן מחמת די שווערע יסורים פון זייער פאר שליסונג וואס איך וועל זיי שטראפען מיט זיי חי יי דר גאט וואס לעבט אייביג דער הט עס מיר גיטאהן דיא אלע ניסים אונ גלובט איז מיין בשעפר אונ מיין שטארקר אונ דער הובן איז גאט וואס ער איז דער שטארקר פון מיין הילף האל דער גאט וואס גיט נקמות צו מיר ארום ארץ ישראל אונ ער מאכט נידרין פעלקר אונטער מיר ומוציאי אונ ער איז מיין אום ציהר פון מיינע פיינט אונ פון די וואס שטייען אוף מיר אוף טוסטו מיך דער הייבען מאיש חמסים פון דעם מאן וואס וויל מיך רויבן טוסטו מיך מציל זיין דער תרגום שרייבט דאס גייט אוף גוג ומגוג מאיש חמסים פון דעם רויבער דאס איז גוג זאלסטו מיך מציל זיין על כן איבר דעם וועל איך דיך גאט לויבן צווישן די פעלקר אונ צו דיין נאמן וועל איך זינגען לוב גיזאנג מגדול ער דער גרייסט דיא הילף פון זיין מלך אונ ער טוט חסד צוא זיין גיזאלבטען צוא דוד אונ צוא זיינע קינדער ביז אייביג: